STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03264

UNTER DI SHOTNS FUN ""OMBU""

Benzion Epstein

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. עפשטיין

אונטער די שאָטנס פון „אמבו"

דערציילונגען — לידער — פּאָרטרעטן

בוענאָס איירעס 1936



חנה'ן — א מתנה

פאָרוואָרט

צוריק מיט עטלעכע יאָר איז דערשינען א קליין ביכל לידער א. ג. „שפּראָצונגען". דאָס איז געווען א סעלעקציאָנירטע זאמלונג פון נאציאָנאַלע סביבה און געמיט לידער. זיי האָבן געצויגן אַף זיך די אויפמערזאמקייט, וואָס אן אמת, ניט אזוי צוליב דער אָרגינעלקייט פון זייער טעמאַטיק אפילו דאָרט וואו ער באזינגט דאָס דאָרפישע לעבן און דאָרפישן ליבן אין די אידישע קאָלאָניעס, נאָר פיל מער, אדאנק דעם אינפּולסן־פולן געראנגל פון שעפער מיט זיינע שאפונגס ווערק, אדאנק דעם רעוואָלט פונם פּשוטן ליים, קעגן זיין פּרעטענדירינדיקן סנייטער, וועלכעס האָט אזוי בולט ארויסגעשיינט פון יעדער ליד, פון יעדן פערז.

ווי עס פירט זיך היינט, איז דאָס ביכל לידער אָפּגעדרוקט געוואָרן אין עטלעכע הונדערט עקזעמפּלאַרן און אָנגעקומען צו א נאָך מער באגרעניצטער צאָל לייענער. אין דער אָרטיקער פּרעסע האָט ווער יאָ געפּרואווט זיך אָפּשטעלן אַף דעם, אָבער אינאלגעמיין איז דער אָפּקלאַנג ניט געווען צו ציען די אויפמערקזאמקייט פון לייענער און קריטיקער ניט בלויז אַף דער לידער־זאמלונג, נאָר אויך אַף זייער דיכטער גופא. און אין דעם ליגט דער פארזען. אויב די געלונגענע צווישן די „שפּראָצונגען" לידער, זאָגן צו און געבן האָפנונג, לאָזט נאָך פיל מער דערוואַרטן פון זיך, זייער מחבר, ווען מיר וועלן אויסער דער לידער־זאמלונג, אויך נעמען אין אכט דאָס געבורט־אָרט פונם דיכטער, פון וואַנעט ער האָט געשעפּט זיינע ערשטע אינספּיראציעס.

ווילסטו קענען דעם דיכטער — גיי אין זיין לאַנד. — אזוי זאָגט דאָס אַלטע פאָלקס־וואָרט. דאָס „לאַנד" פון אונזער דיכטער, איז די אידישע קאָלאָניע אין דער ווייסטער פּאמפּא, מיט אירע טרוקענישן, פארפלייצונגען און טאָרמענטאס. דאָ איז ער געבוירן געוואָרן, דאָ דערצויגן און ערשט מיט א פּאָר יאָר צוריק איז ער צוזאמען מיט דער אנדערע דאָרפישער יוגנט „געלאָפן" אין שטאָט. און אָט די דעטאלן פארדינען אונזער אויפמערקזאמקייט. מ'הערט דאָ אָפט זיך קלאָגן, אָנווייזענדיק אַפן פענאָמען, אז עס איז אונז שוין געלונגען צו שאפן אן אידישע ליטעראַטור אין ארגענטינע, עס איז אָבער עד היום נאָך ווייניק, וואָס געלונגען צו שאפן אן אידיש־ארגענטינישע ליטעראַטור. דאָס לעצטע, אַף א נאַטירלעכן אופן, בלייבט נאָר צו דערוואַרטן פון די אידישע קאָלאָניעס.

ביניש עפשטיין, דער דיכטער פון די „שפּראַצונגען" און מחבר פון פאַרליגענדן בוך, „אונטער די שאָטנס פון אָמבו", איז דער ערשטלינג פון דעם דערוואַרטעטן דור, יונגע שרייבער, געבוירן און דערצויגן אין דער סביבה פון אידישע ערד־אַרבעטער אין אַרגענטינע. אף וויפיל זיינע ערשטע פּובליקירטע לידער און דערציילונגען ווידערגעבן, לאָזן זיי נאָך מער דער־וואַרטן, ער זאָל אָפּשפּיגלען דאָס אַרט לעבן, דענקן און פילן פון דעם אַלטן און נייעם דור אין די אידישע קאָלאָניעס בפרט, און דאָס אַרגענטינישע פּראָווינציעלע לעבן אין אַלגעמיין.

עפּשטיינס טעמאַטיק פאַרדינט דעם צענטערפּונקט פון אונזער אויפ־מערקזאַמקייט. זי איז ניי, ספּעציפיש אַרגענטיניש און דעריבער טאַקע אַזוי אינטערעסאַנט. דאָס אַנקליידן איר די פּאַסיקע קינסטלערישע פאָרמען, מאַכן דאָס בולט און פילבאַרער, אַנווייזענדיק אַזוי אַרום אף די קוואַליטע־טן פון יונגן שרייבער.

אויסער א פּאָר געציילטע לידער וואָס עס אַנטהאַלט עפּשטיינס ניי בוך, לידער וועלכע שטרייכן אונטער דעם פאָרשריט פון דיכטער, וואָס נוגע אינערלעכע ריטמיק און פערזן קונסט, פאַרנעמען דעם אַנהויב פּלאַץ דריי דערציילונגען און א פּאָר פּאָרטרעטן, מיט וועלכע ביניש עפּשטיין מאַכט איצט זיין „אַרויספּאָר", אַלס פיינער פּראָזע־שרייבער. א פּראָזע וואָס גרעניצט מיטן עפּישן וואָס איז דער פּאָעמע. אַזוי אינם ריטם, אַזוי אויך אין סטיל.

דריי דערציילונגען — דריי באַזונדערע טעמעס, דריי איינגשייניקע באַלייכטונגען איבער נאָענטע אָבער איינציייטיק אויך גרונד־פאַרשידענע מענטשן־טיפּן, אַנגעלעגנהייטן, סביבה.

עס זאָל דאָס מיטן א כיוון האָבן סעלעקציאָנירט דער שרייבער, פון דער רייכער צאָל דערציילונגען, וועלכע ער באַזיצט נאָך אין מאַנוסקריפּט.

„עסטאַנסיא לאָס טשיניטאָס", צייכנט פאַר אונז דאָס דאָרפישע לעבן פון אַרגענטינישן גאַוטשאָ, פונם ערד־אַרבעטער, וואָס בעאַרבעט אין אַרענ־דע דעם פּריצישן באָדן און ווערט אַראָפּגעטריבן פון איר, דורך א קאַפּריז פון באַהערשער, נאָך 35 יאָר שווערער מי. אין דער קורצער דערציילונג „דער לעצטער" ווערט איבערגעגעבן דאָס טרייע בילד פון אומשטענדן און שטימונגען וועלכע האָבן פאַראורזאַכט און זיינען נאָך היינט איינע פון די הויפּט סיבות וואָס ווירקן מיט, אַז דער איינגעזעסענער קאָלאָניסט זאָל, א עקאָנאָמיש רואינירטער און גייסטיק צעבראָכענער, פאַרלאָזן די קאָלאָניע.

צום אינטערעסאנסטן, און דאָרט וואו דער יונגער שרייבער באווייזט זיך אין זיין פולער קינסטלערישער פּאָטענץ, איז אָבער די גרעסער דערציילונג וואָס גיט אויך איר נאָמען פארן בוך „אונטער די שאָטנס פון אָמבו” לאָזט פיל אויפווייזן קעגן זיך. טיילמאָל וואָס אנבאלאנגט סטיל, טיילמאָל וואָס נוגע אנדערע פארשידענע פּרטים. עס איז אָבער פון די ארט דערציילונגען, וואָס אויסער זייערע אָנזיכטיקע מעלות אדער פעלערן, טראָגן זיי אף זיך דעם שטעמפּל פון דאָקומענטאלישקייט. מיר האָבן דאָ פאר זיך דעם אויטענטישן דאָקומענט, וואו עס ווערט באוויזן ווי די אידישע יוגנט, דער ערשטער אונטערגעוואקסענער דור אין די אידישע קאָלאָניעס, האָט געלעבט, לעבט היינט צו טאָג, און וועלכע זיינען עס די עקאָנאָמישע און פּסיכאָלאָגישע סיבות וואָס פארורזאכן זייער וויניטירן פון דער קאָלאָניע, זייער גלות אין דער גרויסשטאָט.

די פאנטאזיעס בא אָט דער אָפּגעשלאָסענער, דינאמיש אָפּגעטעמפּטער יוגנט — פארצייכנט דער מחבר— איז געררייצט געוואָרן פון ווייטע וויזיעס, דער עקאָ פון שטאָט האָט וואכיק געמאכט דאָס דאָרפישע אויער, באהומרוהיקט און גערופן צו זיך. אן אומזיכערקייט און געשפּאנטקייט, האָט זיך פארקליבן אין די צעוואָרפענע נעסטן פון דער פּאמפּא, אונטער די רוהיקע שאָטנס פון „אָמבו”.

און דער פּראָטאָגאָניסט פון דער דערציילונג, דורך וועמען דער מחבר קאָנטראָבאנדירט א שטיק אויטאָביאָגראפיע, רעדט זיך, אויס דאָס הארץ פאר זיין געליבטע: מעגלעך אז די ביכער האָבן מיר קאליע געמאכט, ס'קען זיין, אז א גוטער פויער דארף וואָס ווייניקער לייענען און נאָך שמעלער טראכטן. אָבער כ'פּיל אז דאָ איז נישט מיין אָרט, מעגלעך אויך אז דאָס וואנדער־בלוט פון מיינע אבות מאָנט צו נעמען דעם שטעקן אין האנט, דער גאנצער ארום ווערט מיר ענג און דערווידער. אָבער אפילו א שריט פארן אנטלויפן, ווייסט ער, איז אים גענוג קלאָר אז — „איינגאנצן לאָז איך מיך ניט ארויסרייסן פון דאנעט, וואורצלען בלייבן...” און עס בלייבט אויך אן „אפשר” צוריק אין דער קאָלאָניע, צוריק צו דער ערד־ארבעט.

מיט זיין נייעם בוך, און באזונדערס מיט דער דערציילונג, פארצייכנט בייניש עפּשטיין, א באדייטענדן עטאַפּ פאָרויס, איינעמענדיק פאר זיך א בכבוד'יק פּלאץ צווישן די געציילטע שאפונגען אין אונזער יונגער א י ד י ש - א ר ג ע נ ט י נ י ש ע ליטעראטור.

ב. ווײַנשטאָק.

אונטער די שאָטנס פון „אָמבו״

(דערציילונג)

ווען דער רויך, וואָס איז געהאנגען איבערן צימער ווי א פּעטע כמארע האָט עטוואָס נאכגעלאָזן, האָט מען ערשט געקענט זען פון וואנעט די קולות האָבן זיך געטראָגן. פון ווינקל ארויס האָט זיך געמערקט דער מויל פון א אויוון וואָס האָט אויסגעזען מיט זיין שמאלקייט און אויפגעפלאמטע פייער שטיקער אין זיין טיף ווי א דראָענדיקער פּיסק פון א צעיושעטער חיה. נאָנט ביים אויוון איז געשטאנען, אָנגעטאָן אין נאכגעלאָזטע בגדים אַ פרויען געשטאַלט. א נידעריקע פארשוויצט און פארויטלט האָט זי ווײלענווייז געשארט מיט דער קאָטשערע אין גליענדן אויוון און געברומט צו זיך אַליין אויף׳ן קול:

— מען זעט עס גאָרנישט... פּונקט היינט פארזאמלונגען... פּונקט היינט ערב שבת.

די לעצטע ווערטער אריינגערעדט אין זיך האָט זי זיך אָפּגעקערט פון אויוון וואָס איז געווען פארבאריקאדירט מיט קופּעס ברויט-טאוועלאך, שטיקער האָלץ און קופּעס שטעכיקן „קוריי״ (הייץ-גראָזן) איז צוגעגאנגען צום טיש און אָפּזיכנדיק אַ ווייסן טוך באטראכט די שטיקער אויסגעקנייטענע טייג וואָס זיינען אַלץ מער געוואקסן און אָנגעהויבן צעלייגן זיך אין דער ברייט...

מיט א נערוועזן אימפּעט האָט די אַלטע געגישטערט אין פארשידענע בלעכן און סלויען, אומצופרידן פארקנייטשט די ליפּן און גערופן:

— שמואליק, שמואליק אהער גיי!

קיינער האָט זיך נישט געוויזן. פארן פּלוצלימדיקן געשריי האָט א קוואָקע וואָס איז אומגעקראָכן אונטערן טיש מיט א כאַפּטע הינדעלאך, דערשראָקן זיך און אויפגעהויבן א געפּילדער. די אויפרעגונג האָט זיך צעלייגט אויף דער פרוים צעקארבט'ן מויל שניט און כאַפּנדיק א בעזים האָט זי געיאָגט די צעווילדעוועטע קוואָקע.

— שמואליק! שמואליק!

אין דער אָפענער טיר האָט זיך באוויזן א ברייט־פּלייציקער בחור איבער זיין קאָפּ צו דער הויכקייט האָט ער ווי א פּאָן געטראָגן מיט א היי־גאָפּל א ריזיקע קופּע „קוריי" וואָס האָט אים פון ווייטן ענליך גע־מאכט צו א נעגער מיט א זון־שירעם. די שטעכערלאך פון טרוקענעם קוריי האָבן ווי א רעגענדל זיך געשאָטן און באדעקט זיין קיילעכדיק רויט היטעלע. מיט אנשטריינגונג האָט ער זיך אריינגערוקט אין דער שמאָלער טיר.

— וואָס שרייסטו, מאמע, שמואליק איז נישטאָ.

— וואו איז ער, דער שמדניק? זאָל ער צולויפן ערגעץ לייען אביסל מאָן צו די געבעקס און פער איינוועגס טאקע א שטיקל ברויט אויף מי־טיק. דער ברויט־געבער מיינער וועט דאָך באלד אריינפאלן און וועט אודאי וועלן עפּעס פּיקן אויך. נאדיר גאָר פארזאמלונגען אום מיטוואָך ערב־שבת פּונקט ווען ביי מיר לויפט אוים די ראָשטשינע.

— שאַ, מאמע, קאָך זיך נישט אָט וועל איך דיר צוגרייטן גענוג הייצונג און וועל אליין צוגיין צו א שכן, שמואליק האָט גענוג ארבייט אויסער דער שטוב און דאָס וואָס דו זאָגסט פארזאמלונגען איז דאָס דען נישט נויטיק? מען רעדט דאָך וועגן א אידישער שולע, קינדער זאָלן נישט וואקסן ווי די ווילדע „קארדאָס" אין קאמפּ...

— נו גוט, אָבער פּונקט ערב שבת און כ'יאָג מיך ארוים די נשמה, און דאָ דארף מען שוין באלד זעצן, ווי זאָגסטו חיים, דער אויוון איז שוין גענוג הייס? טו נאָר א שאר.

אין די לעצטע ווערטער אירע שפּירט זיך שוין א ווייכקייט, עפּעס ווי ס'וואָלט איר הנאה געטאָן וואָס באלד וועט דער אנגעגליטער אויוון אויסגעזעצט ווערן מיט גלייכע שורות בעקענס וואָס וועלן זיך אלץ מער און מער רויטיקן. זי האָט א שאר געטאָן אין אויוון. פון די הורבעס אָנגע־גליטן אש האָט א לעצטער פלאַם זיך א רים געטאָן צום מויל. א טאָפּ

טוענדיק א פארויכערטן טשאניק וואָס איז געשטאַנען ביים קומען האָט זי נאָך ווייכער א פרעג געטאָן:

— אפשר ווילסטו א מאַטע, חיים? דאָס וואַסער איז הייס.

— כ'וועל באלד צוריקומען. טאַמע, כ'גיי צו וועלוועלען און קום שוין צוריק.

ער איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל, אָפּגעווישט מיטן טרוקענעם האַנט־טוך די שווייס, אויסגעגלייכט ס'היטעלע און איז ארויס.

ווען חיים האָט דערמאַנט דעם שכן וועלוול האָט די אַלטע א לייכטן ציטער געטאָן. א בלאַסקייט האָט זיך ארויפגערוקט אויף איר פארויטלט געזיכט אָבער גלייכצייטיק האָט א פולער שמייכל פאַרמסר'ט איר אי־נערליכע צופרידנקייט. זי האָט מיט ליבע נאָכגעקוקט ווי חיים פערקירע־וועט צווישן די אלפאלפא פעלדער, בעת מעשה א טראַכט געטאָן אז ער וואַקסט קיין עין־הרע א שיינער בחור און באלד זיך דערמאָנט אָן די פליכטן וואָס מאַנען...

— נו א באַק טאָג, כאָטש נעם צוריים זיך. און קיין הילף פון קיינעם איז נישט פאראַן.

דער אויוון האָט געשלונגען שטיקער „קוריי" און א באפרידיקטער געטרעסטשעט מיט הנאה.

צען אזייגער אין דער פרי ווען די פרילינג זון דערגרייכט שוין אויס־צוטריקענען די טרערן וואָס נאַכט־גייסטער באַהויכן אויף באַגראָזטע פעל־דער. און אַלץ ארום טראָגט זיך אויף ווי דער געזאַנג פון די אָנקומענדע מחנות פויגל פילט מען אז די ערד האָט מיט א ליבן שמייכל אָנגעטאָן זיך אין אירע באליבטע רייצנדע מלבושים וואָס ציט דאָס אויג און פילט אָן מיט אומבאַגרייפליכער פרייד דאָס הארץ וואָס זינגט פון זיך טליין...

די אלפאלפאס שטייען אין סאַמע ברען פון וואַקסן, ווי א קינסטליך געפלאָכטענער טעפּיך. א אונענדליך בלויליכער שפרייט זיך פארן אויג א פלאַכער לאַנד שטיק. צייטנווייז הויבן זיך אויף פונעם טיף שמעקענדיקן אלפאלפא א קאראהאַד פון פריילינכע רויט־בייכיקע און ראָבע פויגעלאך, מאַכן קרייזן אין דער לופטן און פאלן צוריק אריין ווי פארחלשטע אין

דער צוציענדער ווייכער מאסע. טויזנטער פאנטאסטיש־קאָלירטע שמע־טערלינגען טאנצן אומהויפהערליך און קענען פון איבערפולטער הנאה קיין אָרט נישט געפינען און רויען זיך מחנות'ווייז ארום די געצייילטע בלויע צוויטן וואָס הויבן זיך וואו נישט אן ארויסטיילן.

ביים דראָטענעם צוים וואָס טיילט אָפּ די אלפאלפא לאָנקע פון די ווייצן־פעלדער שלענגלט זיך אַ שמאָל וועגעלע קוים די ברייט פון א פור און זעט אוים צווישן דער בלויליכקייט פון איין זייט און שאַרף גרינקייט פון דער אנדער זייט ווי א געלבליך שטויביקער שנור און גלאנצט אקעגן דער צעגליטער זון מיט דעם צעקרישעלטן שטויב ווי פינקלדיק צעמאָלן גלאז.

חיים איז ביים קליינעם דראָטן טויערל שטיין געבליבן, אָנגעבויגן די אָנגעצויגענע דראָטן און איז אריין אין דער אלפאלפא. אליינגערע ווילע האָט ער זיך געפלאָנטערט אין די געפלאָכטענע פעדים־שטאמען און מיט הנאה באטראכט דעם פלאכלאנד וואָס האָט זיך צעשפרייט פאר אים. ביי זיינע פים האָט זיך עפּעם האסטיק א רים געטאָן ווערנדיק פאַר־אוים געעפנט בליץ־שנעל א וועג. די אלפאלפא האָט זיך געפאליעט ווי א שטילער טייך און באלד צוריק ארייגעפאלן אין א רוהיקייט, א האָז האָט אַ שפרונג געטאָן אויף'ן וועג און א צעשראָקענער אָנגעהויבן לויפן בארג־ארויף. חיים האָט געשריגן:

— טשומבאלע, טשומבאלע, ניאטאָ! — דער הונט וואָס האָט מיט זיין פלאַטשיקער נאָז גענישטערט ערגעץ אין אַ נאָרע פון „לעטשוסאס" איז אויפגעשפרונגען, ארומגעקוקט זיך מיט גלאנצנדיקע אויגעלאך, אפגעלאָפן א שטיק וועג אָבער זעהענדיק אז דער האָז פארוקט זיך שנעל אויף יענער זייט בארג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און ווי א פארשעמטער האָט ער זיך נאריש צעיאָגט נאָך אַ קליין ראב פויגעלע.

די סטעזשקע האָט זיך געשניטן בארגארויף, אריבערגעשפאַנט א קליינעם בערגל און זיך פארלאָרן אין דער „טאמאריסקאס" וואנט וואָס האָט חיים'ן געפירט ביז דעם שכנם שטוב.

אויף'ן באלעבטן הויף האָט מען קיין מענטש נישט געזען. עופות האָבן מחנות'ווייז געשארט דאָס מיסט צווישן די בוימער און א האלב טוץ הינט האָבן האלב געדרימלט אונטער אַ וואָגן. דערזעענדיק אָנקומען חיים'ן און ביי זיין זייט די מאיעסטעטישע פיגור פון „ניאטאן" האָבן

זיי זיך ווי אָפּגעבריטע א ריס געטאָן מיט א שרעקליכן געבייזער וואָס האָט פאַרוואַנדלט דעם הויף אין איין געשריי.

א פראָנט טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט און א קליין מיידעלע האָט זיך באוויזן. איר געקרויזטע לעקעלאך האָבן גאָלדיק געבליצט אקעגן דער זון נאָך איר האָט זיך ארויסגעשארט א מער ענטוויקלט מיידל וועמענס קאָפּ איז געווען זאָרגפעליק ארומגענומען מיט א ווייסן טוך. קוים געלונגען איינצושטילן די כּאָפּטע הינט וואָס האָבן זיך מיט אביסל פּחד געריסן צו אטאקירן ניאטאן האָט דאָס מיידל חיים'ן דערלאַנגט די האנט

— וואָס הערט מען? מען זעט דיך גאָרנישט!

— ווייסט נישט, פארנומען; און ביי דיר צירל?

— ווי שטענדיק, ליינענדיק און א לאנגווייליקן שפּאציר צו אשכן. און ווי איך הער קלייבסטו זיך צו פארלאָזן אונז. איז עס אמת? נו וואָס שטייסטו קום אריין אין שטוב. — און אָנהאַלטנדיק לייכט חיים'ן פאר ארבל איז זי אריין אין שטוב.

דאָס צימער האָט אויסגעזען צו זיין א קיך די ווענט אויסגעהאנגען מיט גלאנצנדיקע געשיר און קיך מכשירים דער רויט געפארבטער דאך האָט צוליב דער פארע וואָס האָט זיך געלייגט אויף אים, געשוויצט און געקאַפּעט פון צייט צו צייט מיט געשוואָלענע געלע טראָפּנס. אין א ווינקל האָט א קוואָקע נישט געקענט אויסקומען מיט א שטיפעריש קעצל, אָנ־געמאכט פּראָטעסט־קולות און איבערגעשראָקן אירע הינדעלאך.

דער שמועס האָט זיך געדרייט ארום די נייסן אין קאָלאָניע און די צייט האָט זיך גערוקט פאָראויס. סערווירענדיק א מאטע האָט צירל אויפ־גערעמט דאָס צימער נישט אויפהערענדיק צו דערציילן, אינצווישן האָט זי מיט א איינגעהאַלטענעם נייגער געפּרוואוט ארויסקריגן עפּעס פון חיים'ס נאָנטע פּלענער און האָט באדויערט וואָס אין קאָלאָניע ווערט שיטערער און דאָס געזעלשאפטליכע לעבן ווערט לייגגווייליקער.

נאָכדעם ווי חיים האָט זיך געקליבן צו גיין האָט זי אים איינגע־לאדן צו באטראכטן דעם קליינעם גאָרטן וואָס זי האָט אַליין פארזייט אנטקעגן דער שטוב. זיי זיינען געטרעטן אין די קאנאוועס צווישן די ערשט באארבעטע בייטן. וואו נישט וואו האָבן קליינע בלעטעלאך גע־שפּראָצט און צירל האָט אים אויסדערציילט וויפל מי און ארבעט האָט דאָס אַלץ געקאָסט און גערעדט האָט זי מיט אזויפיל ליבע וועגן איר גאָר־

טן, אז חיים'ן איז דורכגעלאָפּן א געדאַנק: „דאָס מיידל האָט א חוש פאַר אינהאַלט און שיינקייט, ווי אנדערש זי איז פון אירע חבר'טעס וואָס קרימען אזוי אומגעלונגען נאָך די שטאָט"! ווען זיי זיינען שוין אדורך די לעצטע בייטן האָט צירל אומזיכער א זאָג געטאָן:

— חיים, אויב דו וועסט נאָך זיין אין קאָלאָניע, לאָד איך דיר איין צו געניסן פון מיין גאָרטן ווען ער וועט פּירות געבן!

ער האָט אויף איר א שטילן בליק געטאָן און שווייגענדיק זיינען זיי ביידע ארויס פון גאָרטן.

די היץ פון אָנהויב פרילינג איז שטאַרקער געוואָרן בערג־קייטן פון היץ־כוואַליעס האָבן זיך געזוימט עט ווייט וואו די הימלען לאָזן זיך אראָפּ. קיין ריר פון א בלעטל האָט זיך נישט געגעבן.

ביים געזעגענען זיך האָט חיים דריקענדיק איר האַנט אריינגעבליקט אין אירע בלויע אויגן. געזען דעם אָנהויב פון אומעט וואָס האָט זיך צע־לייגט אויף איר פאַרברוינט אָבער פריש געזיכט און געזאָגט:

— צירעלע, היינט באַנאַכט אין קלוב פּונקט ניין אזייגער, וועבער האָט מיר איבערגעגעבן אז ס'איז אָנגעקומען א גרויסער פּאַק ליטעראַטור, קומסט היינט?

— אליין?...

— נו. קום איך דיר נעמען, אָבער זיי גרייט.

— גוט קום באַלד נאָך וועטשערע, צום ווידערזען.

דער האַנט דרוק איז באַגלייט געוואָרן פון וואַרימע בליקן וואָס האָט ביידנס הערצער איבערפילט. צירל האָט לאַנג נאָכגעקוקט ווי דער באַרג האָט פאַרשלונגען אין זיך חיים'ס קרעפטיקע פיגור און מיט שטילע שריט זיך געלאָזן אין שטוב אריין.

דאָס טראַסקען פון א סולקי האָט אויפגעוועקט דעם הויף. צירל'ס פּאָטער איז צוריקגעקומען פון דער עלטערן פאַרזאַמלונג און מיט א פריי־ליכן ניגון ווי זיין דרך־טבע איז געווען אראָפּגעקראָכן פון דער פור. נאָך אים איז אראָפּגעשפּרונגען א נידעריקער טונקעלער יונגערמאַן מיט גרינ־ליכע פּענסנע אויף זיין האַרבאַטע נאָז. דאָס איז געווען שולמאַן, א סטו־דענט וואָס איז געקומען צופאָרן פון דער גרויסער שטאָט.

זעלטענער איז געוואָרן דאָס רעווען פון די זאַטע בהמות וואָס האָבן מיטן זון פאַרגאַנג זיך צוריקגעקערט פון פעלד. דער דרויסן האָט זיך שוין מוטוויליק איבערגעגעבן דעם אָנקומענדן אָוונט און א שיטערע חשכות האָט זיך צעגאָסן איבערן ארום.

פון אנדער זייט האָט דעם בארג־שפּיץ זיך געצונדן מיטן פּאַמע־לאַכדיקן ארויסקריכן פון דער האלב־חודשדיקער לבנה.

מיטן פאַרענדיקן די טאָג אַרבעט איז חיים אריין אין שטוב. דאָס ארומגיין ארום די קי האָט איינגעשמירט זיינע בגדים און הענט אין בהמה־שמוץ און בלאָטע און זיין גאַנצער וואָכעדיקער אויסזען האָט זיך גאָרנישט געגלייכט מיט דער שבת־ליכטקייט וואָס האָט געפלאַסן הויפּנ־ווייז אין דער גרויסער געררוימטער קיך.

וואָס פארא ענדערונג יעצט! נישטאָ שוין די בערג ברויט־טאַוועלאַך און מיסט פון „קוריי" וואָס מיט א שעה צוריק. דער ברוין געפאַרבטער דאַך איז מאסיוו געלעגן אויף די עטוואָס קרומליכע ווענט. די ערד א ערשט־אויסגעשמירטע און די העלע שיין פון די גרויסע שבת־ליכט האָבן חיים'ן ביים איבערטרעטן די שוועל אים פארשלונגען אין א האַפּעדדי־קייט און פאַראויסגעזאָגט א טאָג פון זאָרגלאָזקייט און פרייהייט.

קיין קידוש האָט מען שוין אין שטוב נישט געמאַכט. שוין א פּאָר יאָר ווי אויטאָמאַטיש האָט חיים'ס פאָטער זיך א נייג געטאָן צו א מער פריידענקישער אנשויאונג און ער האָט זיין לעבנס אינהאַלט אויסגעפילט מיט דער זאָרג פאר דער ערציהונג פון יונגן דור אין קאָלאָניע.

ביסלעכווייז האָבן אלע רעליגיעזע פירונגען זיך פאַרוואַנדלט ביי אים אין נאַציאָנאַלע־ווערטן וואָס האָבן געזאָלט דינען פאר זיינע קינדער די צוגעפּאַסטע פאָרמען פון וועלכע זיי האָבן זיך געזאָלט שאַפן א צוגענג־ליכן באַגריף פון אידישקייט.

כאָטש תמיד גייען אַדורך די פּריוואַטע־צונאַכטן מיט א פּריילעכן צוזינג פון חיים'ס פאָטער און ברידער, האָט חיים היינט איילנדיק אָפּ־געכאַפּט דאָס עסן, און פונקט אַזוי איילנדיק האָט ער זיך געוואַשן און אָנגעטאָן.

א וואונדערליך אויסגעשטערנטע נאַכט האָט זיך אויסגעשיילט פאר זיינע אויגן. די שטאַרקע סוגעסטיווע לבנה־ליכט האָט צעטריבן די שאָטנס פון די בערג און זיי געשאַרט אימפּעטפּול עט, אראָפּ אין די טאָלן וואו

זייער געדיכטקייט האָט געקוקט פאַרדעכטיק און פאַרפירעריש. אַ טויט־שטילקייט איז געלעגן אויף די גרין־באַלאַדענע פעלדער וואָס האָבן גע־אָטעמט מיט פייכטקייט און אַנגעזאָגט אויף אַ פעטער ראָסע. די פעסטע טריט האָבן אויף'ן טרוקענעם וועג געטרייסלט די שטילקייט פון דער נאַכט. זיין געשולטער פייפן האָט בעאומרוהיקט און געוועקט די סאָוועס וואָס האָבן געוואָרקעט און גערופן מיט וואָרנונג. פייערלאַך האָבן וואו נישט וואו געפינקלט, זיך אויסגעלאָשן און באַלד ווידער באַוויזן זיך. די שטילקייט פון די באַרג־קייטן האָט איינגעשלעפערט דעם אַרום אין אַ שבת'דיקער לייכטקייט.

צירל איז שוין פאַרטיק געווען צום גיין. דאָס קיילעכדיק שליאַפּקעלע האָט וואָוויליונגעריש צוגעדעקט איר ערשט־געקעמטע האָר. ביי חיים'ס אַריינקומען האָבן די צוגעפּודערטע באַקען זיך פאַרויטלט און ווען אַ פאַר־לעגן שמייכל האָט באַגלייט די באַגריסונג אויף איר פולע שוין צו פליישיקע ליפּן האָבן אויסגעשטאַרצט געזונטע ווייסע ציינער.

זי איז נישט געווען אַליין. אין קיך האָבן זיך געפונען מרדכי, צירל'ס זיבעצניעריקער ברודער און שולמאַן. ביידע זיינען געווען פאַרטיפט אין אַ דאָמינאָ־שפּיל. ביי חיים'ס אַריינקומען האָט שולמאַן אויפגעהויבן זיין באַברילטן בליק, אַנגעשטעלט אים אַ רגע אויף חיים'ן, קרעפטיק גע־דריקט אים די האַנט און ווייטער פאַרטיפט זיך אין די שוואַרצע שטיינער.

חיים האָט שוין פון פריער זיך דערוואוסט וועגן גאַסט וואָס איז אַראָפּגעקומען פון דער גרויסער שטאָט. ער האָט אויגנבליקליך אַ טראַכט געטאָן אַז ס'איז זיין פליכט צו פאַרפירן אַ שמועס, אויספרעגן, אָבער זיין צונג האָט זיך עפּעס נישט געקערט און צו זיין שווייגן האָט אויך געווירקט די, לויט זיין קוק, פלעגמאַטישע אויפירונג פון גאַסט.

— גייען מיר? — חיים האָט זיך אומגעקוקט און געפרעגט — וואו איז דער טאַטע? די מאַמע?

— שלאָפן שוין, זיי זיינען מיד פון טאָג אַרבעט...

חיים האָט אַראָפּגעלאָזן דעם בליק ערגעץ אין דער נידער, ער האָט זיך געמאַכט אַ פאַרוואורף וואָס ער פרעגט אַזעלכע באַנאַלע פראַגן בעת ער האָט געפילט אַז דאָס וויל ער מיט די געצעלטע ווערטער פאַרטרייבן די געפילן פון זעלבסט־פאַרדרוס וואָס באַפאַלן אים לעצטנס אַזוי אָפט.

— איר גייט, שולמאן? — צירל האָט ארומגעוויקלט איר האלדז מיט א קאָלירטן שאַל — און דו, מרדכי, קום אויך מיט.

מיט א קאַלטבלוטיקער מינע האָט שולמאן צונויפגעלייגט די שטיי־נער. זיי איבערגעגעבן צירלען און ביים באפלעקטן שפיגל האָט ער זיך צורעכט געמאכט דעם שניפס, איינגעאָרדנט דיברילן און אפאַר מאָל א פיר געטאָן מיט דער האנט איבער די גלאט ראזירטע באקן.

— יאָ, מיר גייען שוין —

די לבנה האָט זיך עפּעס אומזיכער געריקט אונטער איינצעלנע וואָל־קנס און די נאכט האָט זיך אימה'דיק צוגעהערט צום אָנקום פון א שטאָק פינצטערניש. די לופט שוין נאָנט צו האלבער נאכט איז פייכט און קילער געווארן. די סטעזשקע איז שמאָל געווען פאַר אַלע פיר, איז צירל מיט שולמאנען געגאנגען פאָראויס און אונטער זיי חיים מיט מרדכי'ן. דער געשפרעך איז געווען א שיטערער, ווי שיטער די איינצעלנע וואָלקנס אי־בער'ן קאָפּ. הערהויפּט האָט גערעדט שולמאן. ער האָט אויף צירל'ס אָנ־פראגעס געשילדערט אין קורצע ווערטער דאָס לעבן פון די גרויסשטעט־טישע פרויען און זייער ראָל אין אַלגעמיינעם לעבן. געהערט האָבן אַלע זיינע רייד אָבער די נאכט־ טונקלקייט האָט פארבארגן צו וועמען וועגדעט ער ווירקליך זיין שמועס. חיים'ן האָט זיך אויסגעדוכט אז עפּעס איגנאָ־רירט אים שולמאן צופיל. זאָל ער ווירקליך נישט האָבן קיין אינטערעס מיט אים, ווייל ער איז א דאָרפס מענטש? ווארט צו ער ווייסט נישט מיט וועמען ער האָט צו טאָן. ער האָט פונדעסטוועגן דערפילט אין דער טיף א ליידיקייט, זיין פרירדיקע האפערדיקייט מיט וועלכער ער איז אזוי יונגליש געשפרונגען. איבערן וועג האָט ביסלעכווייז אויסגעוועבט און א שטיל באנגער צו זיין מיט זיך אליין האָט אים ארומגענומען. ווי יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך איינגעפּלאָנטערט אין א פארלעגנהייט. ער האָט נאָכגעקלערט אז ער האָט ווירקליך ניט געאיילט אהער אויף צו זיין א נאָכשלעפּער פון עפּעס א סטודענטל פון שטאָט און זאָל זיך באצווינגען צו שמועסן מיט דעם יונגן און נישט אנטוויקלטן מרדכי. אום נישט צו שווייגן ווי א סטאטוע, האָט ער טאקע פארפירט א זייטיקן געשפרעך מיט אים. געשפּרונגען פון איין טעמע צו דער צווייטער אָן א צוזאמענהאנג און ביסלעכווייז האָבן זיי זיך דערזען היבשלעך ווייט פון די צוויי פּאָר־גייער. חיים האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט, אנבויגנדיק זיך האָט ער אויסגערופן מיט א געמאכטער זאָרג:

— זעסט מרדכי, ס׳פאַלט שוין אַ ראָסע. ס׳קלייבט זיך אויף אַ טריקעניש!

— נו איז וואָס, דערווייל איז גענוג נאַס, אָבער וואָס ביסטו עפּעס שטיין געבליבן. זע, ווי ווייט יענע זיינען שוין!...

די שאַטנדע סילועטן האָבן זיך פון ווייטנס געשלייערט אין דער טונקל. אַט פאַרשוואונדען, אַט ווידער זיך באוויזן. דער דערווייטנדיקער אָפּקלאַנג פון די טריט האָט אַנגעצייגט דעם אָפּגעטיילטן שטח.

— אפשר וואָלסטו געמאַכט, מרדכי, מיט מיר ערגעץ אַ שפּאַציר?

מרדכי האָט געצופּט שטיקלעך גרינס און אויפגעהויבן די אויגן מיט פאַרוואונדערונג.

— וואו דען גייען מיר? שלאָפן? וואָס רעדסטו, חיים!

— גוט, אָבער אהין גיין געפעלט מיר עפּעס נישט, נו, אָבער לאָמיר שוין גיין ווייטער.

די לבנה האָט זיך אַט באוויזן און באַלד פאַרשוואונדן איבערלאָזנ־דיק אַ געדיכטע פינצטערניש, פאַרפירנדיק די נאַכטיקע שפּאַצירער אויף דער סטעזשקע. בלויז זייערע טריט און אַ אָפּגעהאַקטער שמועס אָדער לאַכן האָט אויסגעזאָגט אין וועלכן ברעג פון די דרימעלדיקע פעלדער זיי געפינען זיך. שכנישע הענער האָבן דורך אַ רעגולערן געקריי זיך דורכגע־זידלט און פון יענעם זייט דראָטענעם צוים האָבן הינט אָנגעהויבן האסטיק צו בילן.

אויב די מאַנאָטאָנע טאָג־טעגליכקייט פון קאָלאָניע לעבן מיט זיין איינפאַרביקייט איז אַ אומפאַרמאַדליכע אָפּקומעניש פאַר דער יוגנט, אויב די וואָכעדיקע אָפּגעזונדירקייט און שווערע אַרבעט וועט פון זיי געזען ווי אַ ווייניק אָנגענעמען צייט־פאַרפלי זיינען אָבער די פרייטיק צונאַכטן אַ ווירקליך דערפרישנדער אַזים פאַר דער פאַרהאָרעוועטער אָבער געזעל־שאַפט דורשטיקער דאָרפ׳ס־יוגנט.

אומבאַמערקט פאַר יעדן איז דאָס געשען. געשען דאָס וואָס איז אומ־פאַרמיידליך געווען. האָבן שוין לאַנג די עלטערע שלום געמאַכט מיט יעדן צושטאַנד וואָס קומט און בייט זיך. זייער יוגנט האָבן זיי אַ פאַרזיגלטע

איבערגעלאָזט אין יענע ווייטע מקומות פון וואַנעט זיי קומען. דאָ האָבן זיי זיך איינגעשפּאַנט אין גרויסן אַרבייטס יאָך און דער משך פון יאָרן האָט אָפּגעטעמפּט יעדן חוש פאַר גייסט.

טייל פון זיי אפילו מיט שטורמישע רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענ־הייט האָבן ביסלעכווייז זיך אָפּגעטיילט פון דעם אייגענעם אַמאָל אין מיט קוים באַמערקבאַרן אומעט דערמאַנט די גייסטרייכע צייטן. זייער אויסזען און כאַראַקטער האָט שטופנווייז זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טייל פון דעם נאַטירליכן אַרום: פּראַקטיק האַרט ווי דער ווינטער פרימאָרגן ביים אַקער אויפשטיין, פאַרווינטיקטע געזיכטער און געדאַנקען פאַר־שמועלטע ווי די משופּדיקע סטעזשקעס אין די אייגענע קאַמפּן.

אויפן מזבח פון יאָגעניש נאָך ברייטע שטחים לאַנד־פאַרזוי האָבן זיי מקריב געווען זייער נעבטן, די ערציהונג פון די קינדער, די אייגענע לוסט צו געמיטלעכקייט וואָס די אַרומיקע נאַטור האָט געפאָדערט. און אַליין גישט ווייסנדיק וואו דער לעבנס שטראָם וועט זיי אויסשפּייען. מענטשן וואָס האָבן די גאַנצע 24 שעה אין מעת־לעת געלעבט אין אַ חשבון הנפש ווייל די גאַנצע 24 שעה האָט איין דראַנג באַזעצט זייער וועזן — וואָס מער אויסשפּרייטן דעם פאַרזוי, וואָס מער רעש און אַנזען מאַכן — און צו דינסט איינגעשפּאַנט די גאַנצע משפּחה ווייל ביים געבוירן שוין האָט יעדער דאָ געהאַט אַ באַשטימטע פונקציע אין דעם אויפברויז לעבן.

איז זעלטענער געמאַכט געוואָרן דאָס פאַרופן אַ מנין אין קאָלאָניע און האָט איינער יאָרצייט געהאַט איז די סולקי אומגעפלויגן פון איין בּרעג קאָלאָניע ביז דעם צווייטן ווייטסטן עק און צוהילף גענומען בראָנ־פן מיט צובייסנס. די קינדער ווי די ווילדע בוריאַנעס זיינען געוואַקסן, הווי־בע,פאַרטעמפּטע און אומוויסנדע מיט אַ צערייצטן פּחד פאַר יעדער אומ־באַקאַנטער זאַך וואָס זיי האָבן באַגעגנט.

מיטן וואַקסן פון יונגן דור האָט זיך אָבער איינצייטיק ביסלעכווייז אין זיי דערוועקט פאַרגעפּלטע און דערוואַכנדע אַספּיראַציעס. די פאַנטאַ־זיע ביי אָט דער אָפּגעשלאָסענער, דינאַמיש אָפּגעטעמפּטער יוגנט איז געדייצט געוואָרן פון ווייטע וויזיעס, דער עקאָ פון שטאָט האָט וואַכיק געמאַכט דאָס דאָרפישע אויער, בעאומרוהיקט און גערופן צו זיך, אַ אומ־זיכערקייט און געשפּאַנטקייט האָט זיך פאַרקליבן אין די צעוואָרפענע נעסטן פון דער פּאַמפּאַ. אונטער די רוהיקע שאָטנס פון „אָמבו”.

חיים איז געווען יונג און טרוימעריש. די מעגליכקייט פון קענען לייענען א אידיש בוך וואָס זיין פאָטער האָט מיט עקשנות דורכגעזעצט פאר אים האָט אים אריינגעפירט ביסלעכווייז אין א אומבאקאנטער און רוישענדער וועלט וואָס האָט צייטנווייז אים ארויסגעפירט פון די אונ־ענדליכקייטן פון זיין ברייטער היימאט און ארויסגעשטעלט פאר א באַ־צוואונגענער דילעמע, צו א לעבנס־אומוועגדונג ווייט פון ראנען און די וויזיאָן געשעפט פון דער ביכער־וועלט האָט אין אים אויסגעשמידט דעם דראנג און בייגקשאפט פאר עפעס ווייטערס עטוואָס נאָך נישט באַ־קאנטעס.

ביסלעכווייז איז ער ווי פון זיך אַליין אויסגעוואקסן צו א וועזן וואָס האָט געדינט פאר א געזעלשאפטליכער אנרעגער, פאר א וועג־ווייזער. דורך אים, האָבן ביסלעכווייז די אלגעמיינע ביינקעדישן באקומען א רעאלן פרצוף און ער האָט געמיינזאם מיט אנדערע אנגעהויבן בויען פלענער פאר גייסטיקער אויסלעבונג.

דער וועג איז אָבער געווען א אומבאקאנטער. די מיטלען פרעמדע פאר אים און דערצו איז צוגעקומען דער חוזק און קנאה פון די טעמפע מוחות וואָס קענען נישט פארטראָגן אזעלכעס וואָס וואקסט און דער־הויבט זיך העכער פון זייער נישטיקייט. די ליטערארישע צוזאַמענ־קונפטן, די דיסקוסיע־אָוונטן און ענליכע צוזאמענטרעפן, געשאפענע און באלעבטע דורך חיים'ס דינאמישער אָנשטרענגונג האָבן ביסלעכווייז פאר אים זעלבסט אָנגעוואָרן זייער אייגנטליכן אינטערעס.

זיין שטרעבונג איז געווען צו ברייגען די פארשלאָפענע יוגנט צו פאראינטערעסירונג, געבן איר צו לייענען, צווינגען איר צו טראכטן און דאָס שפעטערע וועט שוין אליין אויסוויקלען זיך, אָבער ביסלעכווייז האָט די דאָזיקע שיינע אויפגאבע פארוואנדלט זיך אין א „לעטשוסא", נעסט וואו געציילטע שרייער האָבן געזוכט ארויסצווייזן זייער חריפות איבער דער פארטעמפטער מאסע.

די אנטוישונג איז געווען אומגעהויער. חיים האָט דערפילט ווי ביס־לעכווייז ווערט ער אויסגעשפיגן פון זיין אייגענער סביבה. אז זיין וואָרט שלאָגט אָן צו הארטע אויערן און דאָס קאלאָניע לעבן האָט נישט קיין שום רייץ פאר אים.

און דאן איז פאר אים קלאָר געוואָרן דער וועג, דער וועג צו דער ברייטער וועלט צו וועלכן ער ווערט געשטויסן.

דאָס צימער איז שוין היבש אָנגערויכערט און פון אָפענעם פענצטערל ציט זיך גלייך צום גאַז־לאָמפּ א איש קאַלירטער וואָלקנדל, וואָס ווערט יעדעס מאָל דורכגעריסן פון פייער־פלוטערלאַך. די שטוב איז איבער־פילט, מען איז אויגעזעצט ארום טיש, אויף דער ברייטער בעט, וואָס שטייט אין א ווינקל פון ריזיקן צימער און אויף יעדעס ליידיק פלאַץ ביי די ווענט. דער ערדענער פאָל איז הויך אָנגעשאָטן מיט סעמעטשקעס־שאָלעכץ, אויפ׳ן טיש ליגן צעוואָרפן צעעפנטע און פארמאכטע ביכער, בראָשורן און צייטונגען ווער עס איז פארטיפט אין לייענען, און ווער עס בליקט סתם אין די ביכער וואָס ליגן אפן און האַלטן אָנגעשפיצט די אויערן צו א זייטיקן שמועס. דאָס אויסערליכע בילד פון די „פרייטיק־צונאכטן”.

מיטן אַריינקום פון דער נייער גרופּע איז געוואָרן א באַוועגונג אין שטוב, אויסרופן, באַגריסונגען און האַנט־דרוקן האָבן זיך געשאָטן צום ג״ויס־שטעטישן גאַסט. ביים אריינקומען האָט שולמאַן מיט אויפמערק־זאַמער גאַלאַנטישקייט צירלעך פאַראויסגעשאַרט דורך דער אָפענער טיר און מיטן גרינגליך גלאַנציקן שיין פון די אויגנגלעזער איילנדיק דורכגע־נומען דעם געפּאַקטן צימער. דער מילדער אויסדרוק פון זיין געזיכט וואָס האָט גערוט אויף אים נאָך דעם דרויסיקן שמועס איז פארשוואונדן און זיינע קינבאַקן האָבן זיך שטייף אנגעצויגן מיט א קאַלטבלוטיקייט וואָס האָט איבערגעלאָזן שפּורן פון א קענטיקער פארלעגענהייט, א פארלעגענהייט פון איינעם וואָס ווייסט אז ער איז דער אָביעקט פון אַלעמענס אינטערעס. דער געדאַנק זעלבסט האָט אויסגעפּרעסט אַ שמייכל אויף זיינע ליפּן.

ער האָט גערן געדריקט אַלעמען די האַנט, געהאַט א פּאָר ווערטער פאַר יעדן און באַלד איז געוואָרן א גערוימטער פלאַץ פאַר די אריינקו־מענדע.

דער שמועס האָט זיך יעצט מיט א רוישענדער לעבעדיקייט געדרייט ארום שולמאַנען. ווער עס האָט זיך צוגערוקט נאָנט צום גאַסט און פאַר־פירט אַ שמועס, טייל האָבן אין גרופּעס פון ווינקלען ארויסגעשושקעט זיך און מיט א נישט באַהאַלטענעם נייגער אויסדרוק אויף די געזיכטער נישט אראָפּגענומען די אויגן פון גאַסט.

נישט האָבנדיק קיין מעגליכקייט צו פירן א דירעקטן שמועס האָט שולמאַן זיך געפילט עטוואָס פארווירט. זיין בליק האָט זיך איינגעגעסן

אין גרינעם טישטוך אויף וועלכן ער האָט אָנגעשפּאַרט די עלנבויגנס און ווערנד ער האָט דעם אָדער יענעם אָפּגעענטפערט מיט אַ לאַקאָנישער פראַזע האָט זיך געדאַכט אַז אייגנטליך שענקט מער אויפמערקזאַמקייט די קליינינקע פייער פויגעלאַך וואָס פאַלן פון לאָמפּ־שיין אַראָפּ אויף׳ן טישטוך וואו זיי קייקלען זיך דערשראָקענע.

דער נאָכאַנאַנדיקער ריאַלאַג פון פרעגן און ענטפערן האָט אים אָנגעהויבן ביסלעכווייז לאַנגווייליקן און ער האָט געשפּירט אַז אָט, אָט איז זיין שפּראַכליכער שאַרפזיין ווערט ווייניקער אָנציענד און ער האָט מיט אַ אינערליכער אָנשטרענגונג געזוכט אַ לייזונג אום נישט אַריינצופאַלן אין פאַרלעגנהייט.

ער האָט צום צווייטן מאָל דורכגענומען דעם עולם מיט זיין שאַרפן בליק פון אונטער די גלעזער און האָט אים לענגער געלאָזט רוען אויף אַ יונג מיידל מיט לאַכיגן פּנים וואָ סאיז געזעסן פונקט קעגנאיבער אים ביים טיש. זי איז געווען פאַרטיפט אין לייענען. בלויז ווייַלנווייז האָט זי אויפגעהויבן די גרויסע ווייכע אויגן און צוגעהערט אויפמערקזאַם דעם געשפּרעך און ווידער אַריינגעקוקט אין בוך. דערפילענדיק זיין בליק האָט אַ לייכטע ראַזקייט אַרויסגעשטאַרצט אונטער איר טונקעלער הויט און אומבאַקוועם האָט זי בלויז פאַרשעמט געשמייכלט. ערשט יעצט האָט שולמאַן זי בעסער דערקענט. זיכער האָט ער מיט דעם מיידל אַמאָל מיט יאָרן צוריק געשפּילט זיך לוסטיק אין זאַרגלאָז אין די ברייטע שולע־הויפן, אָדער אין די געדיכטע זאַמדן אויף די וועגן. און יעצט זיצט ער דאָ אַ פרעמדער, אַ גאַסט וואָס יעדער קוקט אויף אים מיט אַ נייגער און אין יענס בליק זעט ער באַשיינפּערליך די אָפּגעגרעניצטקייט פון אים ביז זיי. אַ בונט מיט געדאַנקען האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין זיין מח און ווי אויף לייוונט האָט ער בליקענדיק אויף דעם פרישן געזיכט פון דער פרוי געזען שטיקער פון זיין באמת נישט ווייטן אָבער נישט נאָנטן עבר.

ער האָט זיך דערשפּירט אויפגעמונטערט. ער האָט פאַרגעסן אין אַלע איבעריקע, פאַרגעסן אפילו אין צירלען וואָס איז ביי זיין זייט געזעסן און האָט פאַרפירט אויף אַ קינסטליכן אופן אַ געשפּרעך מיטן מיידל, וואָס האָט אים אַזוי אינספּירירט. זיין קול האָט מאָדנע הויך געקלונגען מיט אַ פעסטקייט וואָס האָט עטוואָס שאַקירט און איר אומזיכער געמאַכט אים צו ענטפערן. דאָך האָט זי זיך געפילט, געשמייכלט וואָס דער גאַסט שיינקט איר זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט.

צולייגענדיק זיין האנט צום בוזים קעשענע האָט ער אויסגערופן:

— איך ווייס נישט צו דאָס וועט זיין א ריכטיקע אָפּשאַצונג, דאָך יעדער לעבעדיקער וועזן נעמט אויף דעם לעבנס צייכן ווי ער קאָן. מיינע איינדרוקן און אָפּשאַצונג איבער דער גרויסער שטאָט האָב איך אין דעם אריינגעפּאַסט.

און ער האָט ארויסגעצויגן א קליינעם ליינגליכן העפט מיט ברוינע אויסגעריבענע טאָוועלאַך, אים אוועקלייגענדיק פאַר זיך.

עס איז געוואָרן שטיל גענצליק. אַלעמענס בליקן האָבן זיך א קער געטאָן צום העפט און פרעגענדע אויגן האָבן שטום באַגלייט דאָס איינגעהאַלטענע אָטעמען.

דאָס מיידל פון קעגנאיבער האָט מיט א אומדערוואַרטעטער דרייסטקייט צוגעשאַרט דעם העפט נענטער צו זיך, אים לאַנגזאם אויפגעעפנט און אָנגעהויבן בלעטערן.

— א פּאָעמע?...

מיטן באַוואוסטזיין אז אין זייער מיט געפינט זיך א שרייבער האָט א געמורמל פון איבעראשונג זיך דורכגעטראָגן. זיי, וועלכע האָבן זיכער געהאַט באַזונדערע פאָרשטעלונגען איבער די אויטאָרן פון די ליטעראַרישע שפּייז וואָס האָט זיי אַזוי אָנגערעגט צו אומבאַקאַנטע וועלטן, וועלכע האָבן אָנגענומען דעם מין שרייבער פאַר עפּעס א העכערעס נישט געוויינליכן וועזן, זיי האָבן זיכער דאָ געהאַט מאָמענטאַל אַ שטיקל אַנטוישונג. אָט זיצט פאַר זיי א שרייבער, א פּאָעט אפשר גאָר; אמת לויטן אויסזען א אינטעליגענט, אָבער וועלכער שטאָט־מענטש זעט נישט אויס ווי א אינטעליגענט? און דער עיקר ער איז דאָך ארויסגעקומען פון דאנעט! זאָל דאָס מעגליך זיין?...

די אויפמערקזאמקייט האָט אָנגעלאָדן דעם אַמביענט מיט ערוואַרטונג. דער אָנגעהויבענער געמורמל האָט זיך לאַנגזאם איינגעשטילט און א רוהיקייט איז אריינגעטראָטן אין געפּאַקטן צימער. בלויז דאָס אָטעמען פון די יונגע ברוסטן האָט געווימלט אין דער לופט. שולמאַן האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעקוקט ווי דאָס לאַביקע מיידל בלעטערט דעם העפט מיט קליינע אותיות.

פּלוצלינג האָט זיך צירל אויפגעשטעלט.

— דער חבר שולמאן מוז אונז פאַרלייענען היינט זיין פּאָעמע און מיט דעם וועט אויסגעפּילט ווערן דעם פּראָגראַם פון היינטיקן אָוונט, ניט אַזוי?...

זי האָט אָרומקוקנדיק זיך באַמערקט אַ אַלגעמיינע צושטימונג און ביים אוועקזעצן זיך צוריק אויף איר פּלאַץ זיך אָנגעשטויסן מיט חיים׳ס אומעטיקן בליק פונעם ווייטן ווינקל, וואו ער האָט זיך אומבאַמערקט פאַרוקט. זי האָט צו אים אַ וואַרימען שמייכל געטאָן, וואָס האָט מיט גוואַלד געמוזט אַרויפציען אויף זיין גלייכגילטיקן פּנים אַ מערקבאַרע מילדקייט.

ווען צירל האָט מיט איר פאַמיליערן טאָן איינגעלאַדן שולמאַנען פאַרצולייענען האָט בעריש, אַ שטיקל קאָב־לעפל אין קאָלאָניע אַריינגעשושקעט חיים׳ן אין אויער:

— מיר האָבן אונזער אייגענע פּראָגראַם, צו וואָס קומט אונז דער פּראַנט שטערן אונזער אָוונט, מען דאַרף עס נישט דערלאָזן — און מיט אַ פאַרשעמט אויג אָפּגעמאָסטן חיים׳ן צו זען די ווירקונג פון זיינע רייד.

— גיי, זיי קיין נאַר נישט. וואָס אַרט דיך? אדרבא זאָלן אַנדערע אויך זיין די געבער! שטער נישט, בעריש! — זיין ענטפער איז געווען טרוקן און שאַרף.

אַ שטיל־שווייגעניש. און אָט נעמט שולמאַן פאַרלייענען. די עלנבויגנס אָנגעשפאַרט אין טיש, איין האַנט פאַרוקט אונטערן נאַקן, די צווייטע שפאַרט אונטער דעם רעכטן שלייף און זיין געזיכט באַקומט אַ פרעמד־אייזערנעם אויסדרוק.

דאָס אויער האָט זיך נישט באַגנוגט מיט קלאַנגען, אויך דאָס אויג האָט זיך געריסן איבער ברייטער רוקנס געצילט צום ווינקל־טיש, וואו ער האָט געלייענט.

אין דעם אָנגעפּראַפּטן צימער וואָס איז באַהערשט פון איין גרויסן איינגעהאַלטענעם אָטעם, האָט אַ פּלייץ געטאָן אומבאַשטימטע און דאָך נאָנט־באַגרייפליכע ווידערקלאַנגען. דורך שולמאַנס קלאָרע דיקציע, דורך זיין באַטאָנונג מיט באַזונדער הנאה און עקסטאַז יעדער זאַץ האָט זיך געפורעמט אַ בילד, נישט קיין וויזיע, ניין! נאָר אַ קלאָר בילד, אַ גאַנצעס, וואו פאַרגאַנגענהייט ווערט מיט אַ דורכגענאַגטער ביינקשאַפט צוריקגעבראַכט צום ניכטערן היינט, באַזעלט די פוסטקייט פון אַ נשמה, וואָס

זוכט אין א מדבר וואו אלע וועגן זיינען שוין אויסגעפּאָרשט און אויסגעפּרואווט.

א פאַרנעפּלטע קינדהייט דערמאַנונג, אין פעלד, א פריידלאָזע אפשר, אָבער א זכרון זיסע, ווייל זי איז קינדיש געווען, טרעט פאָראויס דעם דאַרטן שקיאַך פון א יוגנט וואו דער קאמף פון ארומיקע ספקות ווערט פאַרבלאָסט דורכ׳ן אנגעשטריינגטן כוחות פאַרלוסט פאַר עקזיסטענץ. די שטרעבונג צו גרויסעם, גרעסערע מעשים וואָס באַוועגן דעם מח צו טראַכטן. די ענטוישונג אין מענטש, דער אָפּגעקילטער תחילת׳דיקער גלויבן אין אים און אין דער אידייען וועלט און לסוף דער אייז־קאַלטער טעמפּעראַמענט פון וועגן און מעסטן, פון צושטערן אלע ווירקונגס־קרעפטן אין אונזער לעבן. אויסער די אייזערנע לאָגיק וואָס דאַרף צוגרייטן דעם קומענדיקן חורבן פון דער וועלט. דאָס אלעס האָט געשאַפן א דורכזיכטיקע און קאָמפּליצירטע אנאַלאָגיע פון א לעבנס עפּאָפּייע, וואָס איז שוין דורך א היפּשע פייער פּראָבע.

די שווערע שטילקייט האָט ווי אַ פאַרשפּעטיקטער וואַסער־שטראָם נאָך אָנגעהאַלטן א רגע. ווען שולמאַן האָט אויפגעהויבן זיין באַבריליטן בליק, וואָס האָט באַדייטעט אז ער האָט געענדיקט און נאָך דער אומזיכטער פויזע האָט א פליין געטאָן א שטורמישער אפּלאָוז און איז לאַנג נאָך פאַרגעזעצט געוואָרן מיט א געריודער פון קאָמענטאַרן.

עס האָט אויסגעזען אַז שולמאַן האָט אלעמען איינגענומען. מער געוואַגטע האָבן מיט דאָך נישט זיכערקייט זיך צוגערוקט נעענטער און אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט און זיך געמיט אויסצודריקן די עמאָציע מיט וואָס מער פרעמד־ווערטער.

דער איבריקער טייל פון אָוונט ביז עט, שפּעט, איז פאָריבער אין ענגע שמועסן, דרייענדיק זיך אלץ די אויפמערקזאַמקייט ארום שולמאַנ׳ס פאָרלעזונג. טייל האָבן געפּרואווט זיך אוועקלאָזן אויף׳ן וועג פון פילאָזאָפישער קריטיק, פונאַנדערגעברעקלט די גאַנצקייט פון דער פּאָעמע, צוגעגעבן נישט געמיינטע אויסטײַטשונגען און געזוכט טעות׳דיקע אויסדרוקן. די אלגעמיינע מיינונג אָבער האָט געקערט גענצליך מיט פאַרערונג צו שולמאַנען און מען האָט עס פאַרצייכנט אלס דעראייגנים פאַר דער קאָלאָניע, פון וועלכער ער איז א פּראָדוקט. און ווען די מיידלאַך האָבן זיך

פארשעמט געשארט נאָנט צו דער באַנק, וואו דער גאסט איז געזעסן, האָט א פארבאָרגענע קנאה אויפגעטויכט אין די הערצער פון איינציקע יונגעלייט, באזונדערס ביי די, וואָס שפּילן תמיד דאָ די ראָל פון קאוואלירן. א פארדרוס נישט אזוי קעגן שולמאנען, ווי קעגן די „לייכטזיניקע קעלבלאך", וואָס ווי נאר זיי פּאקן א פרעמדן, אזוי פארגעסן זיי אין די היימישע. און זעט נאָר ארום וועמען זיי שארן זיך! ר'איז דאָך פּשוט א מאוסקייט, זעט נאָר א נאָז!...

דורך דעם גאַנצן אָוונט איז חיים געזעסן אין זיין ווינקל אָפּגערוקט אין א זייט פון ארומיקן גערויש א כמעט פארלאָזענער און האָט מיט א אויסערליכע רוהיקייט געבלעטערט די ניי־אָנגעקומענע זשורנאלן. ער האָט אָבער נישט געלייענט. א קאָנצענטרירטער אין זיך האָבן זיינע געדאנקען אים ארומגעפירט זיג־זאגיש אן א סדר איבער ווייטע וועלטן. א געמיש פון בייגקשאפט און טרויער האָט באהערשט בעת ער האָט אויפגעכאפּט די בילדער פונעם לעבן אין נאָנטע און ווייטע לענדער אויף די צייטונגען. אך, ווען ער וואָלט געקענט דאָרט אומעטום זיין! דאָ פילט ער ווערט אים ענג. קיינער קוקט זיך נישט אום שוין אויף אים. אָט יעצט, למשל, נעקיימען א גאסט, זיצט ער אין א ווינקל שוין אריבער א שעה און גאָרנישט, קיינעם אינטערעסירט ער נישט...

אויך ער איז געווען אונטערן איינדרוק פון שולמאנס פאָרלעזונג. מען קען נישט לייקענען, ער האָט אויפמערקזאם זיך צוגעהערט, נישט אויסגעלאָזן דעם זין פון יעדן פערז באזונדער און געמוזט צוגעבן אז עפּעס גרויסעס און ווירקענדעס האָט געשפּרודלט פון די קלאנגען. זיי האָבן דערצייל̈ט פון א פרעמדער איבערלעבונג, אָבער זיי האָבן געעפנט א שמאלע שפּארינע צו דעם לעבנס־יאריד, וואו ער, חיים, גרייט זיך דאָך אין קורצן. נישט געפעלן איז אים דער דראָענדיקער טאָן ווען פארצווייפלונג זוכט דעם בונט מיט צעשטערונג אָבער דערפאר איז ער טיף מיטגעריסן געוואָרן ביי די שטעלן, וואו דער שילדערער גייט א זינגענדיקער ארוים צום לעבן מיט א געזונטער דאָרפישער פּרעטענזיע, אונטער וועלכער עס שלעפּט זיך נאָך די אומבאהאָלפנקייט... ער האָט דעם זין פון די ווערטער פּעסט איינגעהאמערט אין קאָפּ מיט דעם געפיל פון איינעם, וואָס גורט זיך אן איידער ער שפּרינגט אריבער א גרוב...

חיים האָט זיך דערמאָנט אז אויך ער האָט נישט איינמאָל געפּרואווט מיט דער פּעדער שילדערן דעם אמביענט. ערגעץ וואלגערן זיך א צאָל העפטן, אָבער ווי נישט דערוואקסן זיין רוי וואָרט דארף אויסזען קעגן דעם שלאָגעדיקן שארפן סטיל און זאַרגפעליקן ראפינירטן ווערטער־בוי פון שולמאנען!...

א בעם האָט אים ארומגעכאפּט אויף זיך אליין און אויף זיין סביבה. שולדיק איז דער קאמף־לעבן, דער באשטרייגקטער לעבנס־האָריזאָנט און פארשלאָסן זיינען די קוואלן פון יניקה. קיין זאך באגייסטערט נישט מער איין באַגער בלויז פּלייצט פון אים דורך טויזנטער עפנונגען: ווייטער פון דאנען אין דער ברייטער וועלט!...

אין א צווייטן ווינקל ארומגערינגלט פון א היבשער גרופּע איז שול־מאן געשטאנען אָנגעלעגט אן וואנט און אויף א רוהיקן קול דיסקוטירט, בעסער געזאָגט, אויפגעקלערט. די ארומיקע האָבן זייער „אומבאהאוונט־קייט" ארויסגעבראכט צום משפּט פון זיינע מיינונגען און האָבן אויפ־מערקזאם אויסגעהערט ווי שולמאן, מיט געדולד פון א אלטן־לייזיגייער צע־פּערטלט און צעברעקלט די באהאנדלטע פראגע און לסוף איינגעגלידערט איר אין באשטימטע ראמען, ארויסרופנדיק דער רעזומען אלגעמיינע הסכמה.

צום דיסקוסיע ווינקל איז נענטער צוגעטראטן. וועבער, דער סעקרע־טאר פון דער קאָמיסיע, וואָס אָרגאניזירט די ליטעראַרישע צוזאמענקונפ־טן. ער איז געווען א איינפאכער בחור, אינטעליגענט, און מיט זיין עניוות א אויסנאם, ווייניק פּרעטענציעז האָט אים א באזונדער געפיל פארבינדן מיט חיים'ן וואָס האָט דאך אים נישט אָפּגעהאלטן צו קענען זיין אין גר־טע באציהונגען מיט אלעמען אין קאָלאָניע, אפילו מיט די אייביקע טומ־לער. צוליב זיין צארטע באציהונג איז אים נישט שווער געווען צו פאר־שרייען, אָבער מען האָט אים געשעצט ווייסנדיק אז זיין פּלאַץ וועט קיין צווייטער נישט קענען פארבייטן. אין זיינע הענט זיינען געלעגן אלע לע־בעדיקע פעדים פון גנזעלשאפטלעכן לעבן אין קאָלאָניע. ער איז געשטאַ־נען אין שריפטלעכע באציהונגען מיט גרעסערע אידישע צענטערן אין לאנד און אויסלאנד, באקומען אויף זיין אדרעס אלזייטיקע ליטעראַטור און א פולן פּאק הבטחות פון לעקטאָרן וועגן צוקונפטיקע באזוכן, וואָס

פלעגן יעדן יאָר צוליב „אומפאַראויסגעזעענע" סבות אפגעלייגט ווערן. אויסער זיין רופן די עלטערן צו פארטראכטן זיך וועגן דער קלאָגעדיקער אידישער ערציהונג איז ער געווען, ווי מען זאָגט, א „פייערדיקער" ציוניסט, געטרוימט פון תל־חי'שע העלדישקייטן און צולעצט טאקע א שיינער יונג, א שווארצלעבער, שלאנק מיט א פארחלומטן סענסועלן בליק אין זיינע טיפע אָריענטאלישע אויגן.

— איך האָט ערווארטעט לויטן אלגעמיינעם כאראקטער פון אייער פּאָעמע א מער בולטע באלייכטונג איבער דעם לעבנס אמביענט פון א דאָרפ'ס מענטש ביים אריינפאלן אין קאָך פון דער גרויסער שטאָט. איר האָט באדארפט לויט מיין מיינונג מער אונטערשטרייכן אונזער אומבאַהאָלפענקייט, וואָס דאָס איז אייגנטלעך אונזער שענסטע אייגנשאפט. — האָט וועבער זיך געווענדעט צו שולמאנען.

דער גאסט האָט א רגע פארשענד אויפגעהויבן זיין באברילטן בליק אויף וועבער'ן, מיט פאמיליערן צוטרוי ארויפגעלעגט זיין האנט אויף יענעם'ס אקסל און מיטן טאָן פון א עלטערן ברודער געזאָגט:

— חבר, די גרויסע שטאָט, דער שמעלץ־טאָפּ פון ראסן און פעלקער האָט א קנאַפּן אינטערעס פאר אונזער אינדיווידועלע אייגנשאפטן. אונזער לעבנס קאָנפליקט אין שטאָט איז דער באנאלער טעגליכער פּראָצעס פון טויזנטער פרעמדע וואָס קומען פון די ווייטסטע לענדער. און וועגן דער געניאלער אומבעהאָלפנקייט, מיין פריינט, איז דאָס א פּראָדוקט וואָס האָט א שוואכע נאָכפראגע אויפ'ן שטאָטישן מארק...

די צייט האָט זיך גערוקט פאָראויס, נענטער צו די פארטאָג שעהן. די שמועסן זיינען געוואָרן שיטערער, א מידקייט האָט אָנגעיאָגט אויף די יוגנטליכע קערפער און זיי איינגערוימט א שטילן סוד פון א ווייבן געלעגער... אין ווינקל פון שטוב, צוגעדעקט מיט א גרינעם טוך איז געשטאנען פארשעמט דער פאָנגראף. צופעליק האָט מען היינט נישט פארענדיקט די ליטערארישע שעהן מיט דעם הויפט „מעניו" א טאנץ־פּראָגראם ביז די פרימאָרגן שעהן.

די שארפע לופט אָנגעפילט מיט נאסער ראָסע האָט אויפגעלעבט די פארדרימעלטע פנים'ער ביים פארלאָזן דעם צימער.

ווען די יוגנט האָט זיך צעשאָטן אהיים דורך פארשידענע וועגן, ווער צופוס, ווער רייטענדיק אָדער אין געפאקטע סולקעס, ווען דער ערשטער

אַנזאַג פון די העגער אַז דער באַגינען קומט אָן, איז באַטויבט געוואָרן דורך פערדישע קאַפּיטעס און אַפּגעריסענעם הויכן שמועס, האָבן צוויי שאַטנס זיך געשאַרט אויף דער שמאָלער סטעזשקע און אויף א הויכן קול געפּלוידערט.

נאָר א געניטע אויג האָט געקענט אויסטיילן פון דער אַרומיקער טונקעלקייט די צוויי סילועטן פון חיים׳ן און שולמאַנען.

זיי זיינען געוואָרן נאָנטע חברים.

עס זיינען פאַרשידען געווען די וועגן וואָס האָבן יעדן פון זיי געפירט צום פּונקט וואו ס׳האָט זיך אַנגעהויבן זייער פריינטשאַפט. חיים, א צוריקגעהאַלטענער קאַמפּ־בחור וואָס ביי זיינע ניינצן יאָר האָט ער אַראָנפּ די גרויסע צאָל ביכער און ביסל אייגענער ערפאַרונג זיך געשאַפן א זעלבסטשטענדיקן קוק אויף זאַכן, וואָס האָט אים באַלד אריינגעפירט אין מאָראַלישן קאָנפליקט מיט זיין סביבה, האָט אין שולמאַנען געפונען א גוטן אָביעקט פאַר גייסטיקער פאַרפעקציאָנירונג. ער האָט אָן שום קנאה צוגעגעבן אין יענעמס סופּעראַריטעט און געזוכט זי אויסצונוצן. דאָס איז אָבער נישט געווען קיין טרוקענע אויסרעכענונג ווייל מיטן צוועק איז אויך געקומען א טיפע איינפאַרשטענדעניש צווישן זיי. שולמאַן, א גאַסט דאָ, איז מיט איבער א צענדליק יאָר צוריק אוועק פון דאַנעט אין דער גרויסער שטאָט, כמעט צופוס, א באָרוויסער, און זיך געגומען דאָרט צום שטודיום, דערגרייכענדיק שוין דעם 3־טן יאָר יורידישן פאַקולטאַט און איז צוליב זיינע „פאַרגעשריטענע" אידייען פון דאָרט אויסגעשלאָסן געוואָרן. זיך דערשפּירנדיק דאָן אָן א גייסטיקן צובונט אין זיין גרוים שטעטישן לעבן באַשליסט ער צוריקפאָרן אין זיין געבורט קאָלאָניע.

זיינע עלטערן האָבן זיך שוין דאָ מער נישט געפונען. די מוטער איז אָפּגעשטאָרבן און דער פאָטער מיט די אינגערע ברידער זיינען אוועק אין א ווייטער פּראָווינץ־שטאָט. שולמאַן האָט עפּעס פון דעם געהערט, געוואוסט אַז קיין אייגענע פאַרמאָגט ער נישט אין קאָלאָניע אָבער זיין באַשלוס צו באַזוכן זיין געבורטס־אָרט האָט ער נישט אויפגעגעבן. דאָ האָט זיין ראַפינירטן און שאַרף אויג אויסגעטיילט חיים׳ן, דעם תמיד

שוויגענדן בחור. ווי א אויסנאם פון אלע ארומיקע וועלכע זיינען געווען אזוי טיפיש דאָרפיש און ביז צו א געווּיסן גראַד קאָמיש מיט זייער נאָכמאַכן די שטאָטישע פירונגען און אָפּשאַצנדיק חיים'ן אלס דיינקענדען בחור האָט ער זיין גאנצע פרייע צייט באַשלאָסן צו פארברייננגען מיט אים.

עס זיינען געקומען די טעג פון טיפן פרילינג ווען דער דאָרף'ס מענטש רוט ביז דעם אָנקום פון שניט. דורך דער צייט גייט יונג און אַלט צוגאַסט ביי די שכנים און דורך די טיף אויסגעשטערנטע נעכט זיצט מען בא די שוועלן. די מאטע שפאצירט אומאויפהערלעך שעהן לאנג ראָד ארום און די שמועסן דרייען זיך פון דאָרפישע רכילות ביז די צוגרייטונגען צום נאָנטן שניט.

אויף די צענטראלע וועגן פון קאָלאָניע אין די פרייע שעהן פון פרימאָרגן ווען ארום הערשט דער געזאנג פון פויגל און דער אָטעם פון וואקס; אָדער אין די פארנאכטן און אָוונטן ווען די רו און קילע לופט צעשפרייט זיך איבער די בערג, דאָרט שפאצירן זיי ביידע, חיים און שולמאן, פארטיפטע אין לאנגע און לעבעדיקע שמועסן.

און עס האָבן זיך אלע אין קאָלאָניע געוואונדערט: וואָס האָבן די צוויי צו אוועקשמועסן דורך טעג און נעכט? ווי זונדערט מען זיך אָפּ פון אַלעמען און בלויז אינצווייען געפינען אינטערעס צו זיין תמיד אליין? —

און דאָך איז עס געווען אזוי, יעדער געשפרעך האָט אָנגערעגט צו א צווייטן און נישט קיין מעכאנישער ארויסרוף צו פלפל איז עס געווען, נישט קיין דיסקוסיע לשמה, נאָר א ברייטער געדאנקען אנאליז פון לעבנסווערטן, וואָס קענען היינט אָדער מאָרגן ווערן א פאָן, א וועג־ווייזער.

חיים האָט געשעפּט הויפנס איינדרוקן פון גרויס־שטאָט לעבן און פאר שולמאנען איז חיים געווען א שטיקל אנגענעמע רעטעניש פון אָט דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל, א רעזערוואואר פון גלויבן און ערליכקייט און יעדע טרעפונג ווי יעדער שמועס האָט געקילט זיין סקעפּטיש־פאַרסמטע נשמה און ביסלעכווייז האָט א אינערלעכע רו זיך צוריקגעקערט אין אים.

אויסער זייער נישט גלייכן כאראקטער צושטאַנד האָט יעדער פון זיי געבליקט אויף זאכן דורך אנדערע ברילן. חיים האָט זיך מער געניינט צו דער וועלט פון געפילן, הויך געהאלטן די מענטשלעכע אידעאלן, וואָס

יורן און אימפולסירן צו בעסערע מעשים. פון די געציילטע וויסנשאפטלע־בע ביכער וואס די שטעטלדיקע ביבליאטעק האט פארמאגט האבן זיך אין זיין מח איבערגעקאכט די גדאנקען־וועלטן פון פארשידענע שעפער פון עקסטרעמע סאציאלע טעאריעס. פון די סאציאלאגישע אנשוואונגען האט זיך ביי אים אויסגעפורמט א רעלאטיווער בליק אויף מענטש און וועלט, וואס האט אין זיך געהאט די כאראקטעריסטיק: אלץ איז אפהענגיק פון גלויבן און ווילן. פארשטענדליך אז דער דאזיקער אידייען קאמפלעקס איז נאר געווען א טעארישע מח קאנסטרוקציע, וועמענס פעסטקייט חיים איז נישט אומשטאנד געווען אין זיינע באדינגונגען צו שטעלן אין פרואוו.

ביי זיין גאנצער פארהערליכונג פון מענטשליכן גלויבן איז היים דאך טיף געווען א סקעפטיקער און אומבעהאלפענער, וואס האט אים אריינגעטריבן אין אפאטיע ביים שוועל פון אנטשיידענע מאמענטן.

שולמאן האט קעגן חיים׳ס פעסטונג פון „גלויבן און געפילן" אויפ־געשטעלט די גדאנקען וועלט פון מאטעריאליזם און עוואלוציע און כאטש אין זיין באציהונג אין טאג־טעגליכן לעבן איז ער געווען טריי צו דער אנארכיסטישער פרייהייטליכקייט האט ער זיך תמיד אפגעטרייסלט פון דער דאזיקער „אויסגעשפילטער בלייט" ווי ער האט אפט גע׳חוזק׳ט.

איינמאל האט זיך שולמאן אפגערופן:

— אויב איר, חיים, שטייט שטאל און אייזן פאר דעם וואלונטאריזם, דאן איז אייער חוב איןיעצטיקן מאמענט באוועגן די יוגנט דא אז זי זאל מיט מער באציהונג און אייפער אפהיטן די געזונטע דארפס פאזי־ציע און נישט זיצן אויף דער פור מיט דורשטיקע בליקן צו דער שטאט. גלויבט איר, אז אזעלכעס איז מעגליך?

— עס איז שווער, אבער מעגליך, נאר...

— וואס נאר?

— מיר פערזענליך פעלט דער גלויבן, אט יענער גלויבן צוליב וועל־בן מענטשן זיינען זיך מקריב. איך אליין בין נישט צוטיף איינגעוואקסן אין דער דאזיקער ערד...

— אבער דאס שטימט דאך נישט מיט אייער קוק אויף׳ן לעבן, חיים!

חיים האט נישט געענטפערט. א ווײלע געשוויגן, ווי ער וואלט צו־נויפגענומען זיינע גדאנקען און פרעסענדיק זיי געזוכט א לייזונג.

— מעגליך אז די ביכער האָבן מיר קאַליע געמאַכט. ס'קען זיין, אַז א גוטער פויער דאַרף וואָס ווינציקער לייענען און נאָך שמעלער טראַכטן, אָבער כ'פיל אַז דאָ איז נישט מיין אָרט, מעגליך אויך אַז די וואַנדער־בלוט פון מיינע אבות מאַנט צו נעמען דעם שטעקן אין האַנט. דער גאַנצער אַרום ווערט מיר ענג און דערווידער...

פון דעם שמאָלן וועג, אויף וועלכן זיי זיינען געגאַנגען האָט ער האַפּ־טיק זיך אַרומגעקוקט: דער פאַרנאַכט האָט גערוט אויף די וואַקסנדע פעל־דער, די מאַטע רויטקייט וואָס די פאַרגייענדע זון האָט איבערגעלאָזן אַפּן לויטערן הימל איז ווי א איידעלע חופּה געהאַנגען איבער די שטומע בערג. א עקזאַטישע רוהיקייט האָט געהערשט, קיין טופּן פון פערד, קיין קיהי־שער מרוקן, אַלץ האָט געשוויגן ווי נאָכן איינזאַפּן אין דער טיף א גרויסן וועלט־סוד.

חיים'ן האָט פאַרקלעמט ביים האַרץ. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז זיינע לעצטע ווערטער האָבן טיף א שטאָך געטאָן די גאַנצע אַרומיקייט און אַז טויזנטער שטומע טרויעריקע אויגן קוקן אויף אים מיט געבעט, ווי פאַרשולדיקטע און שוצלאָזע לעמער...

עס איז שוין געווען א סוף אָקטובער טאָג און האָך האָט געבלאָזן א טרוקענער פּאַמפּאַ ווינט, וואָס האָט דערמאַנט די אויגוסט וועטערן. זייט איינציקע וואָכן ווי עס רעגנט נישט. דער קלימאַט הייס און ווינטיק מאַכט א חורבן פון די נישט לאַנג גרינוואַקסנדע פעלדער, אָפּהענטיק ווערן זיי פאַרשמאַכט און געלבליך פון דורשט. פון פרימאָרגן אָן וויעט א שטו־קענדער ווינט און ווערט וואָס אמאָל פרעכער און פאַרביסענער ער הויבט אויף זשמעניעס צעקרישעלטן שטויב פון די וועגן און אויף זיינע אומזע־באַרע לאַפּעס טראָגט ער זיי וואָלקנווייז ביז צו די ווייטע הויכקייטן, פאַר־מירנדיק דעם גאַנצן נאַ־ד א געל טונקעלע וואַנט וואָס ביים אנבליק ווערט קאַלעמוטנע אויף דער נשמה...

א דורכעווייטער און פאַרשטויבטער איז חיים געריטן ביים לעצטן ראַנד פון זייער קאַמפּ, וואָס גרעניצט זיך מיט דער נעענטער אַזיערע. דער

קאמף ליגט איבער א הויכער נאטירלעכער וואנט וואָס דער רעגן שטראָם געשמיסן פון די ארומיקע בערג, האָט דורכגעשווייקט און לאָזט זיך משופּדיק אראָפּ דורך אָפּגרינטן וואָס קוקן ארויס מיט פארוואקסענע לויערענדע עפנונגען. ווייטער אראָפּ בליאסקעט דער ריזיקער זאלץ שטח פון דער אויסגעטריקנטער „לאגונא".

צוקומענדיק נאָנט וואו דער רעגן האָט אויסגעוואשן א שטייניקן בארג־אראָפּ, איז חיים אראָפּגעשפּרונגען פון פערד, אויסגעצוימט, אים צוגעבונדן און צופוס אראָפּגעלאָזן זיך לאנגזאם איבער דער משופּה'דיקער אויסגעריסענער וואנט.

איבערגעשראָקענע שטשורעס זיינען אין פארווירונג זיך צעלאָפן צווישן די שטיינער און וואוקסיקער האָז איז מיט איין שפּרונג געלעגן צופוסנס פון בארג און זיך צעלאָזט איבערן זאלציקן פלאַך־לאנד.

דערגרייכנדיק דעם ריזיקן ווייסן שטיין האָט זיך חיים אָפּגעשטעלט און אן אים אָנגעשפּארט. דאָס איז געווען א בלאנק אויסגעשווייקטער פעלדז ווי א פיר עקיגער טיש, וואו דורכגייער האָבן זייער וואנדער מאָלצייט נישט איינמאָל געפּראוועט. ארום זיינען געווען תמיד אלטע און פרישע הורבעס אש און אפּגעגריזשעטע ביינער.

חיים האָט זיך געפונען אין א גערייצטער שטימונג שוין זייט א פּאָר טעג און האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען. גראד האָבן עטליכע סבות צוזאמען גורם געווען צו א צושטאנד. פון וועלכן ער קען זיך נישט ארויסמאכן; זיין פּערזענליך אומבאשטימטע לאגע צו יאָ אָדער נישט פארלאָזן שוין דעם קאמף. דאָס נאָכטראכטן וועגן זיין נאָנטן מאָרגן, ווי אויך דער מוטנער און אָפּשטויסענדער וועטער, דאָס אלץ האָט געהאָלפן ארויסצופירן אים פון גייסטיקן גלייכגעוויכט.

און היינט איז די הויפּט זאָרג געווען גראד א דערוואַרטעטע א אומפארמיידלעכע: צירל!...

זייט א פּאָר טעג ווי עס מאטערט אים א דאָפּעלטע פראגע? האָט ער זי באמת ליב? האָט זי אים ליב?...

נאָך קיינמאָל איז ער אין זיין יונגן לעבן נישט געשטאנען פאר אזא הארבע פראגע. נישט צום באשיידן.

צירל, באגלייך מיט אלע מיידלאך פון קאָלאָניע איז געוואקסן צו־זאמען מיט חיים׳ן. תמיד געשפּילט זיך אין די זאמדן, געמיינזאם גע־לערנט אין שולע און בכלל דורך דער גאנצער קינדהייט זיינער האָבן גאנץ פעסטע באנד געבנורעט צווישן אים און אלע מיידלאך. זיי האָבן אים גע־זען אנדערש ווי אלע אינגלאך פון קאָלאָניע מיט זיין ערנסטקייט און שטאָלצער נאיוויטעט האָט ער געוואונען זייער צוטרוי און נאָך חשובער איז ער ביי א טייל געוואָרן צוליב זיין נישט אנטייל נעמען אין די נישט זויבערע שמועסן און סצענעס וואָס די בחורימלאך, מיטן אָנקום פון דער רייפקייט. פּראווען אין אָפּגעזונדערטע ערטער.

דאָס חברן זיך מיט די מיידלאך האָט ארויסגעפן קנאה און חוזק צו־גלייך ביי די אינגלאך. מען האָט אים גערופן „קליידל" און שטלערהייד באַיקאָטירט נישט ארייננעמענדיק אים אין די וועט־שפּילן. דאָס האָט אים נאָך מער דערווייטערט פון גזעלשאפט און אויסגעפילט זיין צייט מיט לייענען ליגנדיק אין טיפן גראָז אויף די וועגן וואו ער האָט געפּאשעט די קיה.

ווען ער איז אלט געוואָרן פופצן יאָר האָט ער מיט א געוויסער פאר־וואונדערונג באמערקט אז זיינע חבר׳טעם האָבן זיך אָנגעהויבן בים׳לעכ־וויז דערווייטערן פון אים. זיי האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף אים מיט שע־מעוודיקע אויגן און דאָס אינטימע שטיפעריי איז בכלל זעלטענער געוואָרן. ביי פארשידענע באגעגענישן האָט מען קארג גערעדט. די אמאָליקע יונג־לישע געשפּרעכן האָבן עפּעס נישט געקלעפּט זיך און ווען עפּעס אנדערש האָט זיך די צונג נישט געקערט. פאר חיים׳ן האָט דער דאָזיקער אומבייט געהאט א געוויסע רייץ, גערעגט אים צו זוכן א אויפקלערונג. ערשט שפּע־טער ווען ער האָט אָנגעהויבן לייענען „שווערע" ביכער האָט עס אים אָנ־געהויבן קלאָר ווערן וועגן יענע אומוואנדלונגען און נישט איינמאָל פלעג ער גרייט זיין צו פארפירן מיט זיי א געשפּרעך וועגן דעם. ער האָט גע־האט א באדערפעניש עמיצן טיילן די דאָזיקע ענדעקונג ווי א געפונענע רעטעניש. אָבער ער פלעג ביים געדאנק אליין רויט ווערן איבער די אויערן.

זיינע חבר׳טעם זיינען געשווינד אריין אין לעבן פון ערוואקסענע. די סביבה האָט היבש צוגעהאָלפן און כאָטש ער איז שוין עטוואָס עלטער געוועזן פון זיי איז ער דאָך געבליבן צוריקגעשטאנען. א יונג בחורל, ווע־

מען עס שפּראַצט קוים א באָרד און זיי זיינען שוין געווען דער אָביעקט פון קאוואלירסקער באוואונדערונג, וואָס פלעג זיי גאָר שנעל פארדרייען די יונגע קעפּ. דאָס לעבן אליין האָט זיי צוגעהאָלפן. זיי זיינען געוואָרן פריילינס.

צירל איז געווען אין דער הינזיכט א שטיקל אויסנאַם. מעגליך אז איר נעגאַטיווע באַציהונג צו די סאָרטן מעכאַנישע פּאַוויווילונגען האָבן אין איר קאָנסערווירט און אנגעהאלטן איר קינדישע אָפנהערציקייט און נישט וושענירטקייט ביז היינט. און דאָס האָט איר מער דערנענטערט צו חיים'ן, וועלכן זי האָט מער מיטגעפילט ווי פארשטאַנען.

ער האָט זיך אויסגעצויגן איבערן פלאכן שטיין און מיט דער האנט צוגעמאכט די אויגן, דער ווינט האָט געוואָיעט איבער אים און געשאטן שטיקער שטויב און אין זיין טונקעלער פאָרשטעלונג האָט ער זיך געמיט ארויסרופן אלע נאָנטע בילדער וואָס האָבן א שייכות צווישן אים און איר...

וויפל נעכט האָט ער א געררייצטער פארבראכט שלאָפלאָז און נאָכדעם האָבן אומזיניקע הלומות אים געפייניקט! און ווי פלעג ער זיך שעמען צו קוקן אויף איר נאָכדעם! עס האָט זיך אים אויסגעדוכט אז זי לייענט זיינע זינדיקע געדאנקען און אָט וועט זי אים מיט פאָרוואורף צוריקשליידערן אין פּנים. אָט זעט ער זי ארומדרייען זיך ווי א איבעריקע אויף א באַילע אין קאָלאָניע, אלע אירע חבר'טעס זיינען תיווה'ריק פארכלינעט און טאַנצן און שמעלצן זיך אין די צוגעוואָרפענע קאָמפּלימענטן. בלויז זי, זי איז דאָ א פארבלאָנדזשעטע, אלץ איז איר דערווידער. פלעג ער פארשעמט צו איר זיך דערנענטערן, פארפירן א זייטיקן געשפרעך און ביסלעכווייז זיינען זיי פארקראָכן ווייט, ווייט פון סאלאָן איבער די נאכטיקע פעלדער, פארטיפטע אין א אומשולדיקער דיסקוסיע און דאָך, איז עס באמת געווען א ליבעס געפיל וואָס האָט זיי דערנענטערט? אלע אין קאָלאָניע האָבן עס באשטעטיקט און זיי שוין לאנג פאר א באשערטע פאָר פאר'קנס'ט". אָבער פאר חיים'ן איז עס נאָך נישט קלאָר געווען. ער האָט זיך געפּלאָנטערט אויף די וועגן פון זייער לאנג־יעריקער שכנה'שאפט, פריינטשאפט, איינפארשטענדעניש און נישט געקענט מיט זיכערקייט אויסטיילן נאָך א זעלבסשטענדיק געפיל א מער דעצידירענדעם — ליבע.

דאָס אזוי געווען דער גורם פון זיין גייסטיקער מאטערניש, וואָס האָט ביי אים אויך געטריבט די פיזישע רו.

און לעצטנס איז ענטשטאַנען נאָך א שווערער פונקט׳ שולמאַן.

אויסער די טעגליכע באגעגענישן מיט חיים׳ן האָט דער גאסט באַזונדערס פארגעניגן געהאט צו פארברייינגען מיט איר און היימיש איז אים געווען איר משפחה צוליב ווייטער קרובה׳שאפט און ווייל ער האָט זיך געפינען אויף קווארטיר ביי זיי.

א אנדערש מאָל וואָלט חיים פארבייגעגאנגען אָן שום זייטיקן נאָכדיינקען וועגן די באציהונגען צווישן שולמאַנען און צירלען, וועלכע זיינען אייגנטליך געווען אנעמבאר מער ווי ברידערליכע איידער עפּעס אנדערש. אָבער אין צעשאָקלטן צושטאַנד אין וועלכן ער האָט נישט געקענט געפינען קיין תיקון אין זייערע געפילן האָט חיים אָנגעהויבן חוקן מיט חשד און באהאַלטענעם פארדראָס אויף זייערע אָפטע שפּאַצירן.

פון זינט שולמאַן האָט ביי זיי געהויזט האָט חיים אויפגעהערט באַזוכן צירלען אין דערהיים און כאָטש אין א גרויסער געזעלשאַפט האָט ער זיך בעצויגן צו איר ווי תמיד, פריינדליך און ליבליך, האָט ער זיך דאָך נישט געקענט באשליסן פאַרצוזעצן די הויזליכע באזוכן ווי פריער. ער פלעג אין די לעצטע צייטן קומען אהין מיט א אינערליך געפיל באַשטימט פאר איר און יעצט ווען אומגעריכט שטייט א זייטיקער מענטש דאָ אינדערמיט האָט ער זיך עפּעס נישט געקענט אנטאָן א גלייכגילטיקן כח און די באזוכן פאָרזעצן, און אפשר איז אים דאָ געשטאַנען אין וועג די אינגלשע שעמעוודיקייט?...

שולמאַן פלעג אים אָפט פארוואָרפן פארוואָס זעט ער נישט זיי זאָלן אמאָל אינדרייען ארויסגיין שפּאַצירן, ר׳האָט איר שטארק געלויבט און זיינע רייד האָבן חיים.ן סיי געפרייט און גלייכצייטיק געשטאָכן, פלעג ער זיך תמיד אויסדרייען מיט א פלאכן תירוץ. ר׳האָט אויך נישט איינמאָל באמערקט א ציטער פון שטילן פארוואָרף אין צירלס בליק פון איר רונדיק פריש געזיכט האָט ער אָראָפּגעלייענט א בולט־טרויעריקן „פארוואָס”? אָבער אין דער אומבאַשטימקייט פון זיין מלחמה מיט זיך האָט ער נישט געפונען קיין רעטונגס־וועג פון וואנעט אָנצוהויבן זיין „דריטע” עפּאָכע אין לעבן און דער דאָזיקער צושטאַנד איז געהאנגען איבער אים ווי א גרויסער אומלייזבארער פראגע צייכן וואָס באדראָעט זיין שארבן...

ווען ר׳האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט שוין געמוזט זיין נאַנט צו זון פארגאנג. דער ווינט וואָס האָט געבלאָזן פון זידן האָט נאָכגעלאָזט און זיך לאנגזאם אָנגעהויבן אויסצודרייען פון נאָרד וואו ס׳איז געשטאנען א געדיכטע וואנט פון וואָלקס־שטויב. די געפּרעסטע אטמאָספער האָט פּאָראויסגעזאָגט א באַלדיקן שטורעם. חיים האָט זיך אויפגעשטעלט און א אויפגעטשוכעטער פון שלאָף אָנגעהויבן קלעטערן איבער דער שטייני־קער וואנט. שוין אויף דער אויבערפלאַך האָט ער זיך ארומגעזען אז דער רייט־פערד האָט זיך אויפגעבונדן און אוועק ערגעץ.

ר׳האָט זיך געלאָזט צופוס אהיים. ארום איז פלוצלינג שטיל גע־וואָרן און א וועלקנדיקער ריח פון צעטריקנטן שטויב האָט געקיצלט די נאָז לעבער. לאנגזאם האָט זיך אָנגעהויבן רוקן א פינצטערע שטויביקע וואנט, מ׳האָט בולט געזען איר שפּאנען פוס טריט פאָרויס ווי אינטער־געיאָגט פון באפעלער וואָס שטייען ערגעץ באהאלטן. די וואנט א אימה׳־דיקע ווי א שרעקליכער דראגאָן מיט אונצאָליקע קאָלירן און עפענונגען האָט זיך דערנענטערט אנרוקניק פאָראויס א שטויביקע טונקעלקייט. דאָס האָט זיך מיט א טייוולאָנישן צוריק־מארש אומגעקערט דאָס גאנ־צע שטויב וואָס דער פּאמפּא ווינט האָט דורכ׳ן טאָג געיאָגט צום נאָרד.

חיים האָט פארשנעלערט דעם גאנג און גלייכצייטיק נישט אראָפּ־גענומען די אויגן פון אָנקומענדן שטורעם. נישט קיין געפיל פון מורא האָט אים באהערשט נאָר פארקערט א דראנג דאָ צו בלייבן און פול מיט דערהויבונג ביז פרייד כמעט איז זיין הארץ פול געוואָרן אין אנבליק פון פראכטפולן פענאָמען. אך, ווען ער וואָלט געקענט ווערן אריינגענומען אין שדים־טאנץ פון שטויביקן געוויטער וואָס ווימלט אין דער שטוי־ביקער וואנט! און ווען ער זאָל כאָטש בכח זיין דאָס דאָזיקע וואונדער־באַרע פּטיכישע נאטור געמעל ארויפציען אויף א לייווענט, דאָס וואָלט דאָך געווען דאָס העכסטע אויסדרוק פון געטליכער שאפונג! זיין בליק האָט זיך טיפער און דאַרשטיקער איינגעגעסן אין דער גייענדיקער שטויב וואנט, ווי ער וואָלט וועלן איינזאפּן דעם איינדרוק אויף אייביק אין זיך.

פלוצלינג האָט ער ארויסגעלאָזן א אפענעם געשריי: די זעאונג האָט איבער געשטיגן די העכסטע פאָרשטעלונג!...

די גייענדיקע שטויב וואנט האָט שוין דערגרייכט דעם נאָענטסטן בארג און דורך דער זאמדיקער טונקלקייט אין זיין סאמע שפּיץ האָט

צווישן שפּילעוודיקע וואָלקנלאַך, געפּלאַטערט ווי אַ גישט דאַאיקע ווי׳זיע, די קליידער וואָס האָבן איינגעהילט אַ פּרויען קערפּער.

די האָר צעשפּרייט אויפן ווינט אַרומגענומען אין אַ ווילדערישן שפּיל פון די שטויביקע וואָלקנס האָט זי אויפן בארג אויסגעזען ווי אַ איבער־ערדישע געשטאַלט ווי אַ העלד פון אַ איבערלויפנדן חלום. איר ספּאַנ־מאַנע ערשיינונג אין מיט פון שטורעם־בלאָז האָט זי דערהויבן צו אַ לע־גענדאַרער הערשערן וואָס באַפעלט און מאַנערווירט די דאָזיקע זאַווערוכע. און אפשר האָט דער ליידנשאַפטליכער שטורעם ערגעץ געפאַנגען אָט די ווייבליכע מיסטעריע און נעמט זי ערגעץ מיט, אין די ווייטקייטן?...

פון פּאַראַליזירונג איז חיים שטיין געבליבן, די אויגן ברייט פונאַנ־דערגעריסן און מיט אַלע זיינע וואַכנדע חושים זיך צו עפּעס אונדער קלערבאַרעם געגרייט. ער האָט אונבאַמערקט זיך אַליין אַ קניפּ געטאָן ווי צו פילן זיין וואַכעדיקייט.

דער שטורעם האָט מיט געשווינדע טריט זיך געוואָרפן פּאַראויס ווי געיאָגט באַרג אַראָפּ. אָט הערט ער שוין דעם באַקאַנטן גערויש פון די טויזנטער בעהאַלטענע ווילבערס וואָס פּלאָנטערן זיך אום אים, די צע־שויבערטע פּרויען־געשטאַלט האָט ווי קעמפענדיק מיט צעשפּרייטע אָנ־געשטריינגטע אָרעמ׳ס, זיך אַראָפּגעלאָזן פונם באַרג גלייך אַהער. דער ווינט האָט איר געשטויסן און געטריבן זייטיק אָבער זי האָט העלדיש און ווי ענטשלאָסן אָנגעהאַלטן איר וועג פאַרויס.

אַ ציטער איז חיים אדורך איבערן קערפּער, די אומגעריכטע טרע־פונג האָט אים צעמישט. זאָל דאָס זיין אַ שטיק חלום פון זיין פריער־דיקן שלאָף? אפשר איז דאָס אַ פאַטאַ־מאַרגאַנאַ וואָס דער שטורעם טראָגט מיט זיך? נאָר ניין, אָט זעט ער זי קלאָר, אירע צעעפנטע אָרעמ׳ס און אויך איר קול הערט ער, זי וויל איבערשרייען דעם גערויש פון שטור־רעם, זי רופט אים!...

ר׳האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט פאַרויס איר אַנטקעגן געפלויגן. דער ווינט האָט אים געשטויסן צוריק אָבער ווי אַ סוגעסטיאָנירטער האָט ער מיט פאַרשלאָסענע אָנגעשטריינגטע פויסטן געשפּאַנט פּאַראויס רופנ־דיק מיט אַ קול פול מיט ווינט:

— צירל! צירל!...

ווי צוגעצויגן פון זיין שטים האָט זי פערשנעלערט איר לויפן. אָט איז שוין די שוואַרצע וואַנט נעבן אים און פון איר ווי פון אַ שיטער באַ־

העלטעניש קריכט זי ארויס און פאלט, פאלט צו זיינע פיס און נאָר זיי־נע אָנגעשטעלטע אָרעמ'ס כאפּן איר אונטער.

— צירל, צירעלע, צו געטליכער שליח!

א געדיכטע פינצטערניש איז האסטיק אַנגעלאָפן און זיי ארומגע־רינגלט. דער ווינט האָט מיט א טייוולאָנישן געבייזער זיך צעיאָמערט שפּייענדיק שטיקער שטויב...

קלאנגען האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן איבער דער קאָלאָניע, פון מויל צו מויל, אומקלאָרע און אומבאשטימטע. עפּעס האָט מען פון זיי ארויסגע־דרונגען אַז ס'דארף ערגעץ פאָרקומען אַ פארזאמלונג פון דער יוגנט צו באטראכטן די אויסגאנגסלאָזע לאגע אירע און אָרגאניזירן זיך פאר'ן עקזיסטענץ קאמף. די דאָזיקע אומשולדיקע איניציאטיוו איינגעוויקלט אין אומקלאָרקייטן שפּאנענדיק געהיימניספול פון ליפּן צו ליפּן האָט אויפ־געטרייסלט דאָס „גוזעלשאפטליכע" געמוזעכץ פון קאָלאָניע. קיינער האָט אויך זיכער געוואוסט ווער עס שטייט אונטער דער אָרגאניזירונג ווי אויך נישט וואו די געפּלאָנטע אסיפה דארף פאָרקומען, אָבער דער ערשטער קלאנג איז געווען גענוג צום אָנהויבן פון א גערודעריי און פון דעם צו א היבשן מחלוקת.

די ערשטע אומצופרידענע האָבן זיך ארויסגערוקט צווישן די עלטע־רע קאָלאָניסטן: „צו זאָרגן פאר תכלית, אויף דעם לעבן מיר נאָך; אונז וועט מען הערן און מיר וועלן קיין נארישקייטן נישט באגיין". אנדערע האָבן סתם געוואָרטשעט „וואָס די שנעקעס נעמען שוין אויך פירן ס'רעדל" און א טייל האָבן געוואָרנט אַז די יקא וועט נישט דערלאָזן צו קיין שום איינענער אָרגאניזירונג. מען וועט נאָך ערגער מאכן. פון סתם קריטיש זיינען אויסגעוואקסן ויכוחים וואָס האָבן נאָך מער מיסטעריעזער פאר־שלייערט די בעהאלטענע אסיפה.

א נערוועזע שפּאנונג איז אריין אין קאָלאָניע עס האָבן זיך געשאפן געגנערישע לאגערן. און ווייל מ'האָט אויף זיכער נישט געוואוסט אין וואָס דאָ גייט דער קריג האָט דאָס מחלוקת אָנגענומען א לעבערליכן כאראק־טער.

קרובישע משפחות האָבן זיך פאַרבונדן בילדנדיק געמיינזאַמע פראַנטן און א טייך פון פערזענליכע זידלערייען האָט דורכגעריסן דאָס רוהיקע דאָרף'ס לעבן. עמיץ האָט דערוויל אונטערגעטראָגן אַ ווילדע מסירה און אין משך פון אייניקע טעג האָט דורכגעיאָגט רעשיק איבער דער קאָלאָניע דער אויטאָ פון אַדמיניסטראַטאָר מיט דעם „מיליקא" ביי דער זייט. די עלטערע לייט האָבן שטיל געקרעכצט און פאָרגעזאָגט אַז „איבער די אָן מח'דיקע מעשים פון די יונגען וועלן זיי אויף דער עלטער דאַרפן זוכן א שטיקל ברויט אין שטאָט". ביי די זעלטענע מנינים אין די שבתים פלעגן באַנייט ווערן די העפטיקע קריגערייען וואָס האָבן פאַרשטערט דעם אַלטן בעל־תפלה, לייב־זרח, דעם פאַרגעניגן צו שטעלן זיך פאַרן „ברעטל" און באַווייזן וואָס ער קאָן פאַרקאַטשענדיק זיך אויפן אַלטן שטייגער..

אין אַ ביימאָג ווי נאָך דער פאַרשטויביקער אויטאָ פון אַדמיניסטראַטאָר האָט דורכגערוישט און זיך אַוועקגעלאָזט אויפן שטעטלדיקן וועג האָבן בליץ־שנעל אַרויסגעגאַלאָפירט ענג געזאָטלטע רייט־פערד פון די קאָלאָניע הויפן און אַוועקגעריטן ערגעץ וואו. אין א האַלבע שעה אַרום האָבן זיך נעבן א פאַרלאָזטן גאַלפּאָן אין עק פון וועבערס קאַמפּ קאָנצענטרירט עטליכע צענדליק רייט־פערד.

ס'איז געווען אין אַ מאַנטיק ווען אַלע טאַטעס פאָרן אַוועק, צו זיי דאַרפן אָדער נישט, אין שטעטל אַריין ווער עפּעס ערליידיקן און איינקויפן און ווער סתם צוליב געוואוינהייט און הערן עפּעס נייס. אין דעם טאָג האָט זיך פאַרזאַמלט אין פאַרלאָזטן שייער די „מיסטעריעזע" אסיפה.

דער טאָג, א טיף נאָוועמבערדיקער און די היץ האָט שוין אַ תל געמאַכט פון די תבואות. די קליינע רעגנדלאַך וואָס זיינען די טעג אויסגעפאַלן האָבן שוין נישט געהאָלפן אויפלעבן די פאַרשמאַכטע פעלדער, דערפאַר האָט אָבער מאַמע ערד אויסגעשיקט אַלע ווילדע זריעות פון איר טראַכט און באַדעקט די אויבערפלאַך מיט א גרינעם טעפּיך. פרילינג האָט זיינס געטאָן...

די שטימונג אין קאָלאָניע איז געווען א געדריקטע. דער איינזאַמער גאַלפּאָן מיט הויך אַרומגעוואַקסענע פאַרטריקנטע בוריאַנעו האָט אויסגעזען

ווי א פאַרלאָזטער אַלטער זקן, די ווענט אויסגעקרימט און דריי קליינע פענ־צטער לעבער האָבן נעבעכדיק אַרויסגעקוקט פון זיי. האָט מען דעם גאַלפּאַן באַטראַכט פון דרויסן האָט ער דערוועקט א געפיל פון טיפער פאַרלאָזט־קייט אין פרעמדע וועלטן און פון אינווייניק האָט אַ מיסטישע טונקלקייט געשוועבט איבער'ן קאָפּ. און א ריח פון טוכלע תבואה האָט געקיצלט די נאָז לעבער.

באַטראַכטנדיק די מאַסע יונגעלייט מיט אויפגערעגטע טונקעלע און פאַרווינטיקטע פּנים'ער און אומרו אין אין די אויגן איז לייכט געווען צו דערקענען דאָס די גרעסטע טייל פון זיי ווייסט נישט דעם עיקר מאָטיוו פון דער פאַרזאַמלונג.

ווי תמיד האָט אויך יעצט וועבער ערעפנט די פאַרזאַמלונג און אין איניקע קורצע ווערטער איינגעלייטעט די טאָג־פראַגע. ווי דורכגענומען אינגאַנצן פון דער ערנסטקייט פון מאָמענט האָט זיין שטימע, א וויבריי־רענדע אויפגעטיילט וואַרימע ווערטער אונטערשטרייכנדיק דעם היסטאָ־רישן מאָמענט ווען די יוגנט, דער קערן פון דער צוקונפט, מוז נעמען דעם גורל אין די אייגענע הענט אריין, שאַפן א פעסטן באַנד פאַר דער אויפ־האַלטונג פון די פּאָזיציעס, ווי אויך זען לייזן וואָס שנעלער די ברען־פראַגע — די באַזעצונג פון דער קאָלאָניע־יוגנט. זיין שפּראַך איז געווען א מער ליטעראַריש געשליפענע, איינגעוועבט אין אָן א שיער פרעמדע ווערטער, געגאַשטע פון די הונדערטער זשורנאַלן און ביכער וואָס ר'האָט אין זיין יוגנט לעבן שוין געהאַט אדורכגעוואָרפן און דאָך האָבן אים אַלע פאַרשטאַ־נען. די גרעסטע טייל נישט אינטעליגענט האָבן דורכ'ן פייער פון זיינע ווערטער דערשפּירט די וואַרימקייט פון א אייגענעם צאַפּלדיקן לעבן וואָס מוז אוועקגעשטעלט ווערן אויף א וואָג־שאָל...

— ווער וויל עפּעס זאָגן?...

וועבער האָט ענדיקנדיק, אָפּגעווישט דעם שוויים וואָס האָט מיט דיקע טראָפּנס באַגאָסן זיין האַלדז און שטערן און זיך אוועקגעזעצט ביים איינציקן טישל פון גאַלפּאַן. ס'איז טויט שטיל. מיט זיין בליק גייט ער אי־בער אַלעמענס געזיכטער וועלכע דריקן אויס פאַרלעגנהייט און ווען ער באַגעגנט היים און שולמאַנס אויגן, זיצנדיק יעדער אין א באַזונדער ווינקל,

נעמען זיינע קעבעדיקע אויגן האסטיק שפרינגען פון איינעם צום אנדערן, אויסדריקנדיק א פרעגנדע אומאנטשלאָסנקייט.

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן קיין וואָרט. עפּעס ווי די גאנצע טראגעדיע פון אָט דער פארשלאָסענער פארהאָרעוועטער יוגנט וואָלט ארויסגעשריען מיט טויבע קולות פון אָט דעם שטיל־שווייגן. יאָרן לאנג האָט די פּראצע איינציק אויסגעפילט זייער לעבן, אָפּגעריסן זיי פון יעדן פארגעניגן, פּראצע אָן א אויסוועג פאר א זיכערן מאָרגן. די דאָזיקע צייט איז פארביי אין שטומען צער אָן א ווייטיקלעכן נשמה אויסגעשריי און אצינד ווען דער שלאָס ווערט לויזער, ווערט אראָפּגעריסן, איז שוין דאָס שטילע שווייגן זייער צווייטע נאטור געוואָרן, רעדט מען נישט...

די אלגעמיינע פארלעגנהייט האָט באדארפט א לייזונג, האָבן אויגן זיך א קער געטאָן צו די שטענדיקע דיסקוטאַנטן: צו חיים, שולמאן, און לייבל „אנארכיסט”. לייבלען האָט מען אזוי גערופן, ווייל אָן קראָפּאָט־קינען האָט ער זיך קיין קער נישט געטאָן. זיינע גוט איינגעחזר'טע פראגן טרעפליכע און טיילמאָל געזאָגטע סתם אין דער וועלט האָבן אונטערגעהיצט א היבשע גרופּע אין קאָלאָניע וועלכע האָבן זיך גרופּירט ארום אים. מען האָט זיי א צייט אָנגעהויבן קאָקעטירן מיט „פּראָגרעסיווע” וועלט־אנשויאונגען און דער עיקר ארייגעבראכט צעשפּליטערונג אין קאָלאָניע. אין דעם איז, אייגנטליך, באשטאנען לייבלס פּאָפּוליאַריטעט, אַליין א גאַנץ ענערגישער און שטורמיש בהורל האָט ער אָבער פארמאָגט גרעסערע אַמבי־ציעס, ווי פעהיקייטן. אדאנק זיין פארצווייגטער משפּחה איז אים תמיד געלונגען צו שאפן פּראָנטן און געפילט זיך אין קאמף ווי א פיש אין וואסער. ער פלעג אָרגאניזירן צו די יומים־נוראים א „לינקן” מנין, אויסגעשריבן א אייגענעם אתרוג און געשפּאלטן דעם דאמען הילפס־פאראיין, וואָס ביידע צוזאמען האָבן געציילט עלף קאָמיסיאָנס מיטגלידער און פיר סתם מיט־גלידער. עס איז נישט אדורך קיין שום ליטעראַרישער צוזאמענקונפט וואו ר'זאָל נישט ארויסרוקן דעם קלאסן־מאָמענט. מען האָט אים באטיטלט „אנארכיסט”, נאָר צוליב זיין ציטירן קראָפּאָטקינען. אָבער אין זיין גאַנ־צער רעטאריק פלעג ער זיך דעקלארירן אַלס לעניניסט, וואו ר'האָט גע־לייענט לעניז האט קיינער נישט געוואוסט ווייל אין דער שטעטלדיקער

ביבליאָטעק איז נישט געווען צו באַקומען קיין צורת־אות פון לענינס שריפטן.

ביי שולמאַנס אַנקומען אהער האָט לייבל געזוכט צו געפינען זיין פריינטשאַפט, אָבער שולמאַן, אליין א מאַרקסיסט, האָט פשוט געפילט א פערזענליכע אַנטיפּאַטיע צו אָט דעם צעשויבערטן בחור, וועלכער איז גע־ווען איין הוילע און קלינגענדיקע פראַזע. לייבלען האָט שולמאַנס קילע באַ־ציהונג טיף געקרענקט און האָט אים שטילערהייד אָנגעהויבן צו באַשמוצן און אָפּחוזק׳ן.

דערפילענדיק אַלעמענס אַרויסרופנדיקע בליקן האָט לייבל אָנגענעם אָפּגעאָטעמט. בעת זיין מח האָט שוין געזאַמלט א ווערטער זאַפּאַס, האָט ער אויסערליך דאָך אָנגענומען א ווירדיקע פּאָזע און מיט א גלייכגילטי־קער מינע אָפּגעענטפערט ווי זאָגנדיק — וואַרט, וואַרט, איר וועט דאָך נישט אַנטלויפן". — דער יצר־הרע אָבער פון נעמען א וואָרט האָט אים געגנצליך באַהערשט. האָט ער זיך אויפגעשטעלט און פאַרטיק געמאַכט זיך צום ריידן.

אין דעם איז חיים האַסטיק אויפגעשטאַנען פון זיין ווינקל, אַוועק־געשטעלט איין פוס אויפן באַנק און זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט א אינערליך־ציטערנדע ערנסטקייט:

— כ׳בעט א וואָרט!

דער גערויש פון א פאַרבלאָנדזשעטן זשוק האָט ווי א דרעש־מאַשין געשאַבן די אָנגעשטרענגטע נערוון. א טויטע שטילקייט האָט געהערט אין נאַלפּאָן:

— יונגע חברים און פריינט! צו ערנסט איז די זאַך אַז מען זאָל אָפּ־קומען מיט דיסקוסיעס. זאָל קיינער נישט וואַגן א וואָרט צו וואַרפן אָן א נוצלעכער כונה, ס׳איז א פראַגע פון אונזער לעבן, פון אָפּצוהיטן דאָס ביז אהער אויפגעבויטע, גוט צו שלעכט, אָבער דאָך א פּראָדוקטיווע פּאָזיציע. יעצט שטייט אַלץ אין סכנה. פון איין זייט ווערן מיר דערשטיקט פון ענג־שאַפט און פּאַסיוויטעט נישט האָבנדיק קיין אויסוועג און פון דער אַנדער זייט לאָקט די שטאָט מיט אירע פרעמדע אָבער דאָך צוזאָגנדע מעגלעכ־קייטן. וואָס טוט מען? אָט די פראַגע דאַרף אונז באַהערשן טאָג און נאַכט. ערגער פון אונזער לאַגע איז דער פאַקט וואָס מיר קוקן מיט פאַרלייגטע

הענט. זאָל יעדער ווערן דורכגעדרונגען מיט ערנסט און פליכט און נאָר מיט אונזער יוגנטליכן ענטוזיאזם וואָס דרימלט אין דער טיף און דורך איי־גענער אָרגאַניזירונג קענען מיר לינדערן אונזער נויט, סיי די עקאָנאָמישע, ווי די געזעלשאַפטליכע. די יק"א ווי אויך די קאָאָפּעראַטיווע, וועלכע איז יעצט ווייט פון פאַרטרעטן אונזער אינטערעס, און לאָמיר זיין אָפנהאַר־ציק, אויך אונזערע טאַטעס וועלן אָנהויבן קוקן אַנדערש אויף אונז, ווען זיי וועלן זען אַז אויף אונזערע פּלייצעס זיצן אויך דיינקענדע קעפּ און נישט קיין קעפּ וואָס בויגן זיך און בוקן זיך פאַר יעדן קנעפּל וואָס מאָנט אוינאַריטעט...

לייבל א אומגעדולדיקער, איז העפטיק אויפגעשפּרונגען און ווי זיינע אויפגעשפּאַנטע נערוון וואָלטן געזוכט א וואולקאַנישן אויסגוס, האָט ער חיים'ן אָפּגעהאַקט און אַרויסגעפּראַלט:

— איך לייג פאָר א ברייטע דיסקוסיע, יעדער זאָל רעדן און ס'זאָל קלאָר ווערן ווער איז ווער? נישטאָ דאָ קיין פּרעוויליגירטע, קיין שיין־ריידער!...

זיין אַטאַקע האָט געדינט סיגנאַליש. ספּאָנטאַן האָבן אומקלאָרע קולות אים אונטערגעהאַלטן, אָט די, וואָס מינוטן פריער האָבן ווי די ציטעריקע פיש געשוויגן יעדער פאַר זיך האָבן דאָ דורך א קאָנגוזייטיקער וואָקאַלישער צוזאַמענגיסונג פאַרוואַנדלט דעם ענגן גאַלפּאָן אין א רוישנדן טייך. עס האָבן געשריגן די שרייער, עס האָבן איבערגעשריגן די איינשטילער און פון גאַנצן טומעל איז אומעגליך געווען אויפצוכאַפּן א פראַזע וואָס זאָל געבן א זין דעם דאָזיקן כאָאָס.

חיים איז געבליבן שטיין, א בלאַסער. דאָס אונטערברעכן איז גע־קומען פּלוצלינג, אָבער נישט אינגאַנצן אומגעריכט. האָט זיך דאָך די קאָלאָ־ניע זייט וואָכן געטרייסלט! אָבער ער האָט אין זיין רעדן שוין געהאַלטן ווייט, אָט, און ער גרייט זיך שוין אָנצעוואָרפן א אַקציאָנס־פּלאַן און דאָ, די פּראָוואָקאַציע איז געווען צו רוי אָפּגעאַרבעט. אָבער קעגן וועמען צילט מען דאָ? קעגן אים פּערזענליך? דאָס איז אַממעגליכסטן. אָדער אפשר גרייט מען דאָ בכלל צו אויפרייסן און צעשטערן זייער אַרבעט? ווער־זשע שטייט אונטער די דאָזיקע טונקעלע כוונות, לייבל אליין, אָדער עמיץ נאָך?...

א מאָמענט האָט אים באַהערשט א יאוש געפיל. ר'איז געוואָרן אָפּ־

ענטיק. פון א זייטיקן פענצטערל האָט דער שפּעטער פאַרנאַכט זיך צעלייגט איבער פעלדער און בערג. ס'האָט אים פלוצלינג א צי געטאָן אהין, אהין און אבערלאָזן דאָ אַלץ. ר'האָט זיך ארומגעקוקט ווי זוכנדיק א נאָנטן ארויס־גאַנג. אָבער ר'איז דאָך ווייטער געבליבן. זיין בליק האָט באַגעגנט שולמאַ־נען, וואָס איז געזעסן א אומבאוועגליכער א געלאסענער. טונקעלע שאָטנס זיינען אומגעקראָכן אויף זייער גלאַנציק, אָפּגעברענט פּנים. אין זיין בליק איז געלעגן די מאַסיווע רו פון די פאַרנאַכטיקע בערג. דאָס האָט חיים'ן צוריקגעבראַכט די פעסטקייט און ר'האָט זיך אוועקגעזעצט.

וועבער האָט זיך אין אָנפאַנג עטוואָס געהאַט פאַרלוירן און א פּאָר־צוויי־פלעטער געטראַכט צו פאַרלאָזן די פאַרזאַמלונג. באַמערקענדיק אָבער שולמאַנ'ס און חיים'ס רוהיקע האַלטונג האָט ער געכאַפּט א שטיק האָלץ פון דער ערד און אָנגעהויבן טראַסקען אין טיש. די טעמפּע קלעפּ האָבן אָנגעהויבן איבערשטייגן דעם מענטשליכן גערודער. וועבער האָט אויסגע־רופן!

— יעדער ווערט רעדן, יעדער וועט אנטייל נעמען. זאָל שטיל זיין!...

ס'האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטילט דער טומל. דאָ און דאָרט האָבן בלויז צוויי דיסקוטירט אָדער זיך איבערגעוואָרפן מיט רויע באַליידיקונגען.

— ס'בלייבט אָפן — איז וועבער אריבער פלינק די טומלדיקע גע־שעהעניש צום טאָג־אָרדענונג — וואָס זאָלן מיר טאָן צו פאַרבעסערן אונ־זער לאַגע און עקזיסטענץ, ווער טראָגט אריין א פאָרשלאַג?...

— איך! — האָט א צעשויבערטער בחור, רויט פון שרייען אויסגע־רופן — איך לייג פאָר... איבערצורייסן די פאַרזאַמלונג און איינלאַדן א קאָמיסיאָן פון עלטערן צו א צוויטער בעראַטונג...

— און איך לייג פאָר, אויסצוקלייבן א קאָמיטעט וואָס זאָל צוגרייטן א ארבייטס־פּלאַן!...

— איך זאָג אַז מ'זאָל זיך איינגאַנצן אָפּלאָזן, מיר'ן גאָרנישט אויס־פירן. פאַרקערט, נאָך אָנמאַכן צרות!

— זייער ריכטיק, דער אדמיניסטראַטאָר זאָגט מען, האָט שוין אויפן אויג אַ גאַנץ צעטל, מען וועט נאָך אויף דער קאָזשע גיין...

— וועמען ס'געפעלט נישט דאָ, זאָל לויפן אין שטאָט, מיר'ן שוין דורכקומען. מיר קאָלאָניזירט מען איבעראַיאָר אין „לאַ־טשיניטאַ".

— נו, זיינען מיר שוין פון דעם געראטעוועט, קאָמיר האפקען א פריי־לעכס, געהערט אביסל...

— שאט חברים — האט לייבקס שטים אריבערגעדונערט — איין ווירקזאמער מיטל איז דאָ. מיר'ן דערקלערן א גענעראל־שטרייק. אויס, מיר בעארבייטן נישט די קאמפן...

א מאגישער שטראם האט דורכגעצאפלט אלעמען. דאס וואָרט איז גע־פאלן ווי א שפרוך איבער די צעהיצטע געמיטער און א טיפער אויסדרוק פון ערשטוינונג האט אויפגעריסן אלעמענס אויגן. בלויז שולמאן האט ביטרע געשמייכלט. דאס האט ער, דורך א צווייטנס מויל, א בחור וואס איז געזעסן נעבן אים, אריינגעשושקעט לייבלען אין אויער אריין דעם אָריגינעלן וואָרט „גענעראל־שטרייק".

דעם אומדעצידירטן צושטאנד האט לייבל אויסגענוצט און מיט א פאטעטישן קול, וואס האט דערמאנט א וואלד געשריי אויסגערופן:

— יאָ, דאס איז אונזער רעטונג, מיר'ן ווייזן אונזערע שונאים אז קיין הונגער־לעבן ווילן מיר נישט מער. זאָלן די פלוגעס פארזשאווערט ווערן און מיט זיי די גאנצע איצטיקע אָרדענונג!...

אויפהויבנדיק זיין קול צו א היבשער אקטאווע האט אים פארפעלט אָטים און ר'האט געמוזט איבערהאקן. ר'האט זיך פארהוסט, ווערנדיק צונ־טער־רויט. שטימען פון איינשטימיקייט האבן זיך דאָ און דאָרט געלאָזט הערן.

אין דעם איז שולמאן אויפגעשטאנען פון זיין אָרט און זיך דערנענ־טערט צום טישל, מאכנדיק א צייכן מיט דער האנט א סימן אז ר'וויל עפעס זאָגן:

— פריינט און חברים! אייער ענין איז טראגיש און הימלשרייענד. איר זייט געבונדן אין צענער קייטן און וועלכע אייער מוט ווערט צעשלאָגן ביז אונטערגאנג, אָבער קיין לייזונג איז פאראן מחוץ אייך זעלבסט. די נויט און די אויסגאנגסלאָזיקייט האבן אייך אויפגעוועקט, לאָזט אייך אָבער נישט שווימען אין ים פון פראזן וואס וועלען אייך נאָך מער אוועקפירן פון דער ווירקלעכקייט. ס'איז געקומען די צייט פון מעשים וועלכע איר אליין וועט דארפן אויסטראָגן און אויספירן. וואס בלייבט צו טאָן?... — מיט א צופרידענער מינע האט ער אויפגעכאפט די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט

— איך בין דאָ אייער גאַסט, כ׳בין נישט אזוי דורכגעווייטיקט אין די פּראָבלעמען ווי איר, אָבער כ׳זע א גוואַלדיקע ארבייט און פאַרצווייגטע, קודם־כּל: אָרגאַניזאַציע. שאַפן א זעלבסשטענדיקן כּח וואָס זאָל אייך געבן פּרעסטיזש און מאַכט. נאָכדעם שטייט די פראַגע פון קאָלאָניזירונג און דאָ פאַרלאָזט זיך נישט אויף היימישע און פרעמדע פאַרזאָרגער. די זאַך איז אייך נוגע און די אינטערוועניץ ביי דער יק״א דאַרף קומען דורך אייך, נישט מיט שתדלנות און געבויגענע קעפּ. נאָר ווי שטאָלצע בויער פון א געזונט־לעבן. האָט איר אפשר נישט קיין רעכט דערצו? האָט איר אפשר אייער קינדהייט נישט מקריב געווען פאַר׳ן אויפהאַלט פון אָט דעם שווערן לעבנס־שטייגער? און ווען אפילו נויטיק וועט מען אָנקלאַפּן דירעקט קיין פּאַריז. ס׳מוז אויפהערן אָט די שענדלעכע טאַקטיק אויסצושליסן פון קאָלאָניזאַציע פּלענער די קאָלאָניסטישע זין. ווען טויזנטער העקטאַרן ווערן פאַרפאַרטעט צו דייטשן און עסטאַנסיעראָס! וואוהין זאָלט איר יעצט גיין? אָן פּאַכן, דערוואַקסענע אין דער רייפקייט אויפצובויען א פאַמיליען לעבן?... די מיטלען פון קאַמף און די וועגן צו דערגרייכונג זייערע פאַרשידענע און דאָ קען אויך באַטראַכט ווערן אין לעצטן פאַל — דער גענעראַל שטרייק. אויסער די עקאָנאָמישע געביטן בלייבט אייך נאָך פיל צו טאָן אויפצוהויבן דעם קולטורעלן ניוואָ פון דער קאָלאָניע. ס׳הערשט דאָ פּשוט א גוואַלדיקע פּוסטקייט און עם־הארצות און פון דעם נעמען זיך די פּערזענלעכע רייסערייען וואָס דערווייטערן איינס פון צווייטן אָן שום גרונט. אויך די ערציהונג איז אייער א ענין. איר מוזט ארויסרייסן אויך דעם וויכטיקן פעלד פון אייערע עלטערנס קאָנטראָל. די צוקונפט געהער צו אייך און איר דאַרפט לייגן אייער שטעמפּל אויף די נשמות פון די יונגע. זיי צוגרייטן פאַר זיך. קורץ, איר מוזט זיך שטעלן מיט ביידע פיס פעסט אויף דער געגנוואַרט און מיטן פּנים צו דער צוקונפט. נאָר היט אייך פאַר פראַזן, היט אייך פאַר נישט דורכגעטראַכטע שריט וואָס וועלן אייך אראָפּפירן פון וועג!...

ר׳האָט זיך צוריקגעזעצט אויף דער נאָענטער באַנק, אראָפּגענומען די טונקעלע ברילן און אָפּגעווישט דאָס פאַרשוויצטע פּנים וואָס האָט אָן די אויפגעבלאָזענע אויסגעזען מאָגערער און פרעמד.

א געמורמל פון שטימען האָט באַוויזן ווי שאַרף שולמאַנס נאַקעטע רייד האָבן זיך איינגעשניטן אין די הערצער פון דער אומפּעסטער יוגנט־

מאסע. אינם געמורמל האבן זיך אויסגעטייטש אויסרופן צו באלדיקער אר־בעט.

וועבער האט דורך פעסטע קלעפּ אין טיש גערופן צו אָרדענונג. נישט לייכט איז אים דאָס געגאנגען. אָט די פּריוועליגירטע מענגע וואָס האָט באקומען שטראלנדע אינזשעקציעס האָט זיך צעברויזט ביז שווער איך איינצוצוימען. ס׳איז געווען די רויע אומעכטיקייט, געיאָגט פון א אויס־געוואכטן ווילן.

ווידער איז געשטאַנען די פראגע פון ארבייטס־פּלאן. פאַרשלאַגן האָבן זיך געשאטן גוט און שלעכט פאָרמולירטע פון אַלע זייטן.

לייבל איז אין גאנצן טומל, געזעסן ווי אויף שפּילקעס, ר׳האָט שוין געמיינט אז אָט אָט און דורך זיין שארפער לאָזונג ווערט ער די צענטראלע פיגור פון דער פארזאמלונג. און דאָ האָט מען אייז־קאלט אָפּגעבאדן זיין היציקן טעמפעראמענט און זיין פאָרשלאָג גענומען אויף לעצטן פּלאַן. עס, נאראָנים, זיי ווילן קודם אָרגאניזאציע, אָבער ווי אָרגאניזירט מען ווען ס׳איז נישטאָ קיין קאמפּ׳ס פעלד. דער גענעראל־שטרייק דארף ווערן די פאָן פון באגייסטערונג. די אָרגאניזאציע וועט שוין דאן במילא געשאפן ווערן.

— כ׳פּראָטעסטיר שארף! — האָט ער ראפּטום זיך אויפגעשטעלט ציטרנדיק פאר אויפרעגונג — מען מוז פריער ארויפציען די פאָן פון קאמף, נאָכדעם וועלן מיר זען צו אָרגאניזירן די מאסן. לאָמיר ווייזן דעם שונא אונזער פעסטן ווילן, נישט געאקערט זאָל ווערן!...

שטימען האָבן אים אונטערגעהאַלטן. ס׳האָבן נישט געפעלט קיין וואוילע יונגען וואָס לעכצן נאָך אביסל טומעל און וואָס ווילן אויך דאָ אראָפּ־ברענגען יענע גרויסע געשעהענישן וואָס קומען פאָר ערגעץ אין דער גרוי־סער וועלט...

ס׳איז ווידער אריינגעטראָטן א כאָאָס. וועבער האָט נאָכאנאנדיק גע־קלאָפּט און איינגעשטילט, אָבער אומזיסט. אלץ איז געגאנגען פארלוירן. האָט ער אוועקגעשליידערט מיט כעס דאָס שטיק האָלץ אין דרויסן דורך דער אָפענער טיר און פארלאָזט דעם טישל.

ווי א נערייצטער טיגער איז שולמאן צוגעשפּרונגען צום טישל. ביי זיין שטורמישער באוועגונג האָט זיך חיים א צאפּל געטאָן, מיינענדיק אין אָב־

פאנג אז אָט וואַרפט ער זיך אויף לייבלען. אָבער שולמאַן האָט געביטן די ריכטונג צום טיש. זיין הויכע שטימע מיט א הייזעריקן נאָכקלאַנג האָט גערופן צו אָרדענונג, אָבער ס'איז שוין געווען ארויסגעוואָרפענע ארבייט. קיינער האָט אים נישט געהערט. זיין געזיכט האָט אָנגענומען א קראַמפּ־האַפטע גרימאַסע. א גרינגלעכער בליאַסק האָט זיך אויף אים אָפּגעשפּיגלט און פאַראַטן זיין אינערליכן צאָרן. הייסט עס אז אַלץ איז פאַרלוירן. חיים איז גערעכט געווען. די יוגנט איז נישט נאָר פאַרשלאָפן נאָר אויך צעפוילט. עס האָט זיך דאָ אריינגעכאַפּט דער צעפרעסנדער באַציל, מאַכנדיק זיי בלינד און שטום צום געשריי פון זייערע אייגן־פאַרבלוטיקטע אברים. א שטראָם גאַל אָנגעזאַמלט אין זיין טיף האָט געקלעטערט אין זיין קעל. איז דאָס די יוגנט פון היינט? א שרעקליכער האַס האָט אים ארומגענומען צו אָט די יונגען, וואָס ווייכן אָפּ בלינד פון זייער אייניציקן רעטונגס־וועג, פאַרוואָס?... ווייל ס'איז באַקוועמער צו בלייבן פויל, אומאַקטיוו, איבער־געבנדיק דעם גורל און די צוקונפט אין אומבאַקאַנטע הענט...

אין זיין כעס האָט ער געזוכט א פּאַסיקן וואָרט אויסצודריקן זיין אי־בערפילטן צאָרן. יאָ, ר'מוז זיי עפּעס זאָגן, א וואָרט וואָס זאָל זיי ברענען ווי א שאַנד צייכן אויף אייביק. ניין, נישט קיין וואָרט נאָר א קללה.

— חמורים, פּויערישע קעפּ! — האָט ארויסגעפּלאַצט זיין פרעמד קול הויך און דראָענדיק.

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט מיט ערשטוינונג. די ווערטער זיינען ווי פייפענדיקע בייטשן געפלויגן איבער זייערע קעפּ, שטיל־מאַכנדיק אַלעמענס קולות.

שולמאַן האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין אייגן געשריי. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן אז א פרעמד בת־קול האָט פון די בערג אַהערגעשריגן דורך זיין מויל. ר'האָט געזען די פאַרווירונג אויף אַלעמענס געזיכטער און ווען ר'האָט זיך איבערגעקוקט מיט חיים'ן האָט ער דערפילט ווי ס'רוקט זיך א רויטקייט פון זיין גאַנצן קערפּער, שפּאַרנדיק זיך צום געזיכט. אין חיים'ס בליק איז געלעגן עפּעס א אויסדרוק פון פאַרוואורף געמישט מיט רחמנות און --- וואונדער! שולמאַן וואָס האָט אויסגעהאַלטן תמיד דעם שאַרפסטן בליק געפעכט האָט דאָס מאָל זיך געבויגן פאַר חיים'ס אויגן אויסדרוק, דורך וועלכן ר'האָט קלאָר ארויסגעלייענט זייער ביידנס שרעקליכע נידער־לאַגע...

אין א רגע ארום איז שוין שולמאן אין גאלפאן נישט געווען. אומבא־מערקט איז ער אוועק.

ס'איז געווארן שפעטליך פארנאכט. אלע זיינען זיך צופארן מיט גע־שלאגענע געמיטער אהיים. פון די בערג וואס זיינען שטום און אייביק גע־שטאנען אין געשלאסענע קייטן, האבן זיך געריסן פארנאכטליכע שאטנס. די רו פון די קאליע געווארענע תבואות האט גערופן צו זיך מאמיש און מילד.

נישט אפהיטנדיק די אויסגעטראטענע סטעזשקעס און שפאנענדיק איבער די פארוועלקטע פעלדער, האט חיים איינער אליין א פינצטערער זיך געטראגן. דורכן האלב שעה'קן גאנג אין טונקעלער שקיעה האט זיין מח ווייניק געארבעט. צו איבערפילט און דערשלאגן איז ער געווען צו קענען באלד ארייננפאלן אין שטראם פון רוהיקן נאכטראכטן (וואס ר'האט שטענ־דיק אזוי ליב געהאט) א אומגעהויערע פארצווייפלונג האט אים ארייננגע־פלאכטן אין אירע נעגל, א ענגשאפט האט אים שווער געמאכט די אייגענע קליידער און פוסטקייט האט געווימלט זיין מח.

ביי זיין גאנצער צעטרייסלונג האט ער אבער קלאר פארגעפילט אז שולמאן איז אויף אייביק שוין פון דאנעט אוועק און ביים דאזיקן געדאנק האט ער זיך שמערצליך פארקרימט. א שטיק גייסטיקער אנהאלט פאלט אים ארויס פון אונטער די פיס. זיין באדן ווערט שמעלער, שיטערער. וואו איז ער אוועק? אומבאוואוסט אפשר פאר אים זעלבסט. און פלוצלינג איז שולמאן אויסגעוואקסן אין זיינע אויגן ריזיק הויך. א גייסטיקער גיגאנט, וועמענס לעבנס ציל איז באשטימט צו וואנדערן איבער דער וועלט און אנצינדן אומעטום וועקנדיקע פייערן. ר'איז אים אין דער רגע שטארק מקנא. נאכאלעמען א מענטש אן פענטעס, באפרייט פון קאשמאר, לויי־טרעט ער אפשר אצינד זיינע געדאנקען אונטערן פרייען הימל אויף א גראזיקן געלעגער...

און ער? צו איז ער דען נישט פריי צו האנדלען ווי ער וויל? וואס בינדט אים נאך דא? אך, ווי זעט ער זיך שוין באפרייט זיינע פיס פון דאזיקן עפושדיקן זומפ! פון גאנצן פלאנטער אין מח שטראלט ארויס איין וועג שיין פאראויס — אוועקפארן! דאס מוז ווערן א געבאט. מיט פרייד חזרט ער איבער דאסווארט וואס ווערט אים נאנט, איין מאל און א צווייט מאל. אט באקומט שוין א זין דאס פארדריסלעכע ווייטיקדיקע

געשעהעניש פון בייטאָג. זיין לאַגע ווערט פאר אים קלאָר און אפֿן און דאָס מיינט אסאך פאר אים! דאך ביי זיין גאנצער סאַטיספאַקציע האָט ער יעצט כמעט צום ערשטן מאָל דערהערט א אינערליכן פאָרוואורף: ווי לייכט ער נעמט אויף זיין באלדיקן אויסוואָרצלען זיך פון א לאנגן לעבן! ...

עמיץ איז אים אנטקעגן געגאנגען. פון דער טונקלקייט וואָס רוקט זיך שנעל האָט זיך אויסגעטיילט א פרויען געשטאַלט, אירע טריט האָבן שוין גאָר נאָנט געהערט זיך:

— חיים?

— צירל, דו?

זי האָט מער נישט געענטפערט. אָט שטייט זי שוין קעגן אים און איר טיפער בליק זוכט זיינעם. זי געפינט אים. זיי נעמען זיך פאר די הענט.

— ר'איז אוועק, חיים! — האָט זי ארויסגעפליסטערט.

— יאָ.

זייט יענער אויסטערלישער באגעגעניש אין יענעם שטורעם פארנאכט זיינען געגעצליך פארשוואונדן אלע אָפּהאלטענדע צוימען אין זייערע באציהונגען. טיף און ריין האָט די ליבע איבערגעגאָסן זייערע לייבער מיט פרייד ביי יעדער באגעגעניש. אין שולמאַנען האָבן זיי ביידע געפונען א נאָנטן, לעאלן פריינט, כאָטש בייזע צינגער האָבן געגישטערט א טונקעלן „פאר־וואָס". דער געדאנק אז דער דאָזיקער גייסטיק קרעפטיקער מאן איז שוין אוועק האָט זיי ביידן דערשלאָגן און פארטרויערט.

— חיים! — האָט זי אומזיכער גערופן זיין נאָמען.

— וואָס? רעד, צירל, רעד!

זי האָט אראָפּגעלאָזן דעם בליק און איר שטיל קול האָט ווי געוויינט זיך אין איינגעהאלטענע טרערן.

— חיים, דו האלסט מיך פאר דיין גלייכן?

— זיכער, צו וואָס אָבער פלוצלינג די פראגע?

— ס'טוט מיר אזוי וויי דיר פאָרצוואָרפן, פארוואָס האָסטו מיך נישט איינגעלאַדן אנטייל צו נעמען אין דער פארזאמלונג? צו בין איך אפשר נישט אזוי בעהאוונט ווי די בחורים? — איר קול האָט זיך גע־וואקלט צווישן זיכערקייט און געבעט — צו זיינען מיר, די מיידלאך, נישט קיין שותפים צו אלעמענס ליידן? פארוואָס רעכנט מען זיך נישט מיט

אונז ווי מיט גלייכע? און אפשר, אפשר ווען מיר וואָלטן בייגעוועז וואָלטן מיר פארהיט די אויפרייסונג...

זי האָט איבערגעהאַקט. חיים האָט געשפּירט א גוואַלדיקן ווייטיקליכן טאָן אין אירע רייד. די פּרוּוּאישע מינדערווערטיקייט האָט דאָ באַקומען א בולטע אויסטיילונג...

אינסטינקטיוו האָט ער איר צוגעגעבן רעכט. ווי איז אים טאַקע נישט איינגעפאלן איינצולאדן צירלען און אלע מיידלאך פון קאָלאָניע? צו דען לייגט דען נישט די לאגע קיין שטעמפּל אויף זיי באגלייך מיט די מענער?...

ר'האָט נישט געפונען קיין רייד פאר מחילה בעטן. די צונג האָט אים נישט געדינט דערצו. האָט ער זיך שטום און נאָנט צוגעדריקט צו איר פאר־מיקן יונגן קערפּער, האלטנדיק פעסט אירע קליינע שטייפע הענטלאך.

זי האָט אים אָנגעקוקט און פארשטאַנען...

—און וואָס רעכנסטו צו טאָן?

— איין אויסוועג — אוועקפאָרן.

— וואוהין?

— סארא חילוק, אין שטאָט מן־הסתם.

צוגעטוליעטע ווי איינגעוואקסענע איינס איינאנדער מיט געשלאָ־סענע אָרעמס ארום די קערפּערס האָבן זיי געביטן די ריכטונג און אוועק־שפּאצירט בארג ארויף.

ס'איז שוין געווען גוט פינצטער, ווען פון יענער זייט בארג האָט זיך בעוויזן די פולע לבנה א אויפגייענדע, א קאַלטע. די לופט האָט אָנגע־הויבן ווערן קילער. פול מיט שארפע ריחות פון ליאבעדע און פארדארטע תבואה. ערגעץ האָט א שיטערער בילן צעאַקערט די שטילקייט און איז דער ארומיקער שאָטנדיקער אומגערונג האָבן געלויכטן טאנצנדיקע פייערלאך, דורכרייסנדיק די אָטעמדיקע שכנישע סעדער.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין סאַמע הויך פון בארג און אין שטילער נאָפונג באטראכט די עמאָציאָנירענדע נאכטיקע פּאַנאָראַמע.

— חיים!

— צירל!

— דאָרט — ווייזט זי מיטן פינגער אין דער נאכט אריין — ווּעסטו אזעלכע טיף אויסגעשטערנטע נעכט נישט זען, דאָרט ווּעסטו דורך דער

פינצטערניש נישט גיין צו די בערג אויפנעמען די לבנה, דאָרט וועט אליין פון דעם נישט זיין... וועסט ביינקען חיים, נאָך דעם אלעמען?...

— נארעלע, וואָס קען מען פאַראויסזאָגן וועגן מיין צוקונפט אין שטאָט? נאָר לאָמיר דעריבער נישט רעדן, נישט גרינג וועט מיר זיין צו פארלאָזן אָט דעם אָרט, וואו ניינצן יאָר נאָכאנאנד האָט מיין טראָט געמאָסטן דעם באָדן. אָט דעם באָדן וואָס איז שוין א טייל דאכט זיך פון מיין הויט... ס'איז אָבער פאראן אין היצר זאך עטוואָס פאטאלעס, כאָטש איך גלויב נישט אין דעם. מיט דרייסיק יאָר צוריק האָבן מיינע עלטערן באוויינט דאָס פארלאָזטע ליבע שטעטעלע אין דער אלטער היים כדי צו קומען אהער אָנהויבן א געזונטן לעבן און היינט מוז איך, זייער זון, זיך לאָזן אין דער פרעמדער שטאָט, צו לופט פרנסות אפשר, באוויינענדיק די שענסטע יונגע יאָרן מיינע, וואָס כ'לאָז דאָ עפּעס ווי אוועקגעוואָרפענע, אויסגעשפּיגענע. אָבער, אינגאנצן לאָז איך מיר נישט אויסרייסן פון דאנעט, וואָרצלען בלייבן... און אפשר...

צולייגענדיק זיין קילע באק צו איר געזיכט האָט ער א קוש געטאָן לייכט אירע צעפּלאָשטע האָר. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט פארטרערטע אויגן און איבערפולט געשוויגן...

זיי האָבן זיך געלאָזט בארג אראָפּ. צוויי שאָטנס אין איינעם...

ווי א פארלייגנערטער נאכט־חלום איז דער שפּעט זומער אוועק מאכנדיק פלאַץ דעם הארבסט. טריבע טעג האָבן זיך ווינטיק אראָפּגעלאָזט איבער די נאקעטע פעלדער, הויל ווערן שוין די בוימער פון די סעדער. די תמיד וויינענדיקע ווערבעס ציען נאָך טיפער אראָפּ זייערע צווייגן וואָס פייפן אויס, אונטערגעכאַפּטע פון ביינאכטיקע פּאמפּא ווינטן, אימה'דיקע סערענאדעס פון וועלכע ס'הערט זיך דאָס וואָיען פון טויזנטער מכשפות וואָס שוועבן אין די רוימען. בלויז דער שטאָלצער „אָמבו" וואָרפט עקשנותדיק זיינע געדיכטע שאָטנס און פירט א הארטן קאמף מיטן ווינט.

דאָס קאָלאָניע לעבן גייט צו נאָרמאל און שלעפעריש. די פייכטע ערד ווערט ווידער אויפגעריסן פון די גיריקע און שוין פארזשאווערט געוואָרענע

פלוגעס און דאָס געשריי פון אָנטרייבער מישט זיך מיט׳ן פריידיקן קוואַקע־ריי, די ווערים־זוכענדע „גאַוויאָטאַס״.

די ערד איז אונזער האָפנונג, לאָמיר עפנען איר טראַכט און פאַרפלאַנצן דאָרט אונזער מי! אפשר? אפשר איז נישט תמיד די צייט אַזוי גרויזאַם?...

נאַכט.

אַלץ אין הויז שלאָפט שוין. דער דרויסנדיקער ווינט רוישט צווישן די ווייענדע ביימער און סווישטשעט פון מאָל צו מאָל מיט אַ שניידענדן געבייזער. איינצעלנע טראָפּנס פון קאַלטן שיטערן רעגן טאַנצן אויף די מיטמאַטן ליכט באַגאָסענע שויבן.

ביים גרויסן קיך־טיש זיצט צירל אָנגעבויגן איבער אַ בריוו. די שטוב איז פול מיט שאָטנס וואָס קריכן אום פון ווינקל צו ווינקל. אין דער געמויערטער גרויסער פּליטע לעשט זיך שוין דער פייער. דער טשייניק זינגט אונטער שטיל ווי אַ זשוק.

איר אָנגעבויגן קערפּער טיילט אויס אויף דער וואַנט אַ ריזיקן שוואַרצן שאָטן. אָט שטייט ער אומבאַוועגליך ווי אַ וועכטער און אָט באַוועגט ער זיך, ציט זיך אויס ביזן דאַך און ווערט דאַן איינגעשרומפּן...

זי ענדיקט לייענען, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אָן דער האַנט און בליקט שטומערהייד צום פענצטער. די מאַטע שיין פון גאַז־לאָמפּ אויפן טיש מאַכט נאָך בלאַסער איר אָפּגעצערטן פּנים, וואָס טיילט בולטער אויס דעם אָנגעשטריינגטן בליק.

מיטאַמאָל הויבט זי זיך אויף פון איר אָרט און טרעט צו נאָענט ביים פענצטער, ווישט אָפּ מיט דער האַנט די פאַר׳טוי׳טע שויב און לייגט צו איר וואַרים געזיכט צום קאַלטן גלאָז. פאַר אירע אויגן מישן זיך שטיקער נאַכט פינצטערניש, טרייסלדיקע ביימער ווי פאַנטאַסטישע תפילה אָפּריכטער און דער אָפּשיין פון דעם לאָמפּ וואָס שפּיגלט זיך פון יענער זייט פענצטער.

אַ רגע איז זי אַזוי אומבאַוועגליך געשטאַנען און ווי עמיצן אויסגעקוקט אין דער ווילדער נאַכט. אַ שטאַרקער ווינט טרייסל ביים דאַך האָט

איר ווי אויפגעוועקט. זיך דערפילט איינזאם אין פלעכט פון די שאָטנס און זיך צוריקגעזעצטביים טיש.

זי האָט אָנגעטונקט די פען. אָפּגעזיפצט און צוגעטראָגן די פייכטע פעדער צום פאפיר:

„מיין ליבער"...

דער לעצטער

(פון דער סעריע „אין ירידה")

בארג אראָפּ אויף'ן ברייטן וועג, מיט הויכע גראָזן בעוואקסן פון ביידע זייטן, וואָס איז צעאַקערט פון דעם רעגן שטראָם האָט זיך האַסטיק א רייטער געטראָגן.

די זון א אונטערגייענדע האָט אָפּירגעבליצט מיט איר לעצט מאַטן שיין פון צווישן די רונדע בערג און אַרומגענומען מיט א מורא־שחורה־דיק שווייגן דאָס דאָרף, וואָס האָט ווי צוויי גרינע פאַסן זיך צעלייגט פון ביידע זייטן וועג.

ביי א נידעריק טויערל האָט זיך דער רייטער אָפּגעשטעלט און אראָפּ־שפּרינגענדיק פלינק האָט ער דעם פערד צוגעבונדן צום דראָטענעם צוים.

א הונט, א קודלאַטער, האָט זיך פון אונטער די געדיכטע נישט אָפּ־געהיטע בוימער אַלייען אהערגעריסן און מיט א טעמפּן געביל, וואָס האָט רעשיק אָפּגעהילט, ווייט, ווייט, באַגעגנט דעם אָנקומענדן.

אונטער דעם הונט איז נאָכגעגאַנגען א מענשליך געשטאַלט, א מאָ־גערער א געדיכט באַוואַקסן פּנים, כמעט אינגאַנצן גרוי.

— האַ, וואָס מאַכסטו, פריץ! — האָט ער באַגעגנט דעם אָנקומענדן אים דערלאַנגט א לעדער האַרטע האַנט וואָס האָט עטוואָס געציטערט פון לאַנג יעריקער פּראַצע.

ר'האָט זיך געסטאַרעט צו רעדן דייטש.

פריץ האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, ר'איז געווען א הויך געבויטער זעכצן יעריקער דייטש. זיינע בלאָנדע שטייפע האָר האָבן קאַפּריזנע געריסן זיך פון אונטער זיין קיילעכיק היטעלע און געקלעפּט אויף'ן קורצן שטערן.

— מיין פֿאָטער האָט מיר געשיקט צו אייך — האָט ער מיט אראָפּ־געלאָזטע אויגן ארויסגעשטאמלט, קלאַפּנדיק מיטן בייטש־שטעקל אין זאמד — אייך לאדן... צו קומען היינט אום אכט אזייגער אָוונט...

דעם אלטנס פּנים איז געוואָרן פינצטער און מאגערער. א שאָטן איז געלעגן אויף זיין צעאקערטן שטערן און פארקראָכן אין די בעוואקסענע שלייפן.

— און צו וואָס ברויכט מיר דיין פאָטער? ווייסט נישט?...

עס האָט פּלוצלינג פארבייגערוישט בארג אראָפּ א אויטאָ, מיטשלע־פּנדיק נאָך זיך וואָלקנס שטויב וואָס האָבן געדרייט זיך אלץ העכער און העכער. א כאליאסטרע הינט האָבן מיט א געבייזער געביסן די גומענע רעדער.

די צוויי שמועסער האָבן זיך אומגעדרייט און ווען דער אויטאָ איז נאָענט דורגעפאָרן ביים טויער האָט א באקאנט פּנים פון דאָרט ארויסגע־קוקט, א הויכער ווייכער הוט און באלד איז שוין אלעם פארביי.

פריץ האָט מורא געהאט אויפצוהויבן די אויגן, פון דער זייט געזען דאָס ליידענדע פּנים פון אלטן און אומזיכער, נישט פאָרזעצנדיק דעם אי־בערגעריסענעם געשפּרעך, דערלאנגט אים די האנט צום געזעגענען זיך.

— נו, פריץ, זאָג דעם פאטער אז כ'וועל קומען, כ'וויים צוליב וואָס...

פריץ האָט ווי געשפּירט א אונטערדריקטן געוויין אין אלטנס רייד און אין פארלעגענהייט צו הערן נאָך עפּעס דורכן אלטנס טרויעריקן קול האָט ער דעם אומרוהיקן פערד א העפּטיקן שמיץ געטאָן און א ריס געטאָן פון אָרט.

דער קודלאטער הונט האָט זיך געריסן איבערן טויער, טעמפּ געבילט און זיינע אָפּגעהאקטע טרוקענע קולות האָבן אין טונקל ווערענדיז געוועב זיך צעטראָגן ביז אויף יענע זייטן וועלט וואו דער טאָג האָט זיין אָטעם אויסגעהויכט.

שוין היבש טונקל איז געווען ווען דער אלטער ר'אפרים, אָדער ווי די דייטשן פון קאָלאָניע רופן אים: „דער טויבער אפרים", שפּאנט בארג ארויף מיט שווערע טריט אין זאמד.

שאָטנס האָבן זיך פון די בוימער ארויסגערוקט, קלעטערן איינס אי־בערן צווייטן און מיט שטומער שארפקייט געלויערט דורך די צעוואָרפענע פארלאָזענע סעדער ארויס.

וואו נישט וואו שטייען ביי א צעעפנט טויערל גרופקעס מענטשן באַ־לויכטענע פון צעלייגטע פייערן. ס'הערט זיך א הויך־ברוסטיקער שמועס אין דייטש, א אנגענעמענער ריח פון געבראטנס צעטראָגט זיך פון דרוי־סנדיקע בראט־אויוועלאך, א געפּילדער פון קינדער וואָס קומען פון ערגעץ צולויפן באָרוויסע און פארשטויבטע און א גרופּע בהמות אָנגעזעטיקטע שלייכן אין א גלייכער שורה אין א אָפענעם טויער מרוקענדיק פון צופרי־דענקייט.

די שטייפע, עטוואָס געבויגענע און מאגערע געשטאַלט פון ר' אפרים'ן ווערט וואָס אמאָל מער איינגעפלאָכטן אין א פינצטערניש. און כאָטש ער גייט דורך עטוואָס דערווייטערט פון די קופּקעס מענטשן ביי די טויערן, קוקן אלע אים נאָך:

— ר'פארלאָזט אונז שוין דער „טויבער פרים".

— און זיין ווירטשאַפט גייט ביי אים דער פעטער מייער אָפּקויפן —

— וואָס־זשע ס'פעלט אים אפשר געלט?

— אָבער צו וואָס דארף ער עס!

אן אלטער גלאט ראזירטער דייטש, אָן ציין שוין, ביי וועמען די ליפּן ציטערן שטאָפּט אוים די ליולקע און שטאַמלט:

— א גוטער פיינער מענטש, דער טויבער פרים, שאדע וואָס ר'פאר־לאָזט אונז...

— ר'איז דאָך דער לעצטער יודע פון קאָלאָניע.

— יא, דער לעצטער.

ביים צווייטן טויערל שטייען עטליכע יונגן מיט זומער באַשפּרינקלטע פּנים'ער, קרייזלען די שפּיצן פון די לאנגע וואָנסן און לאכנדיק טייטן זיי די פינגער צו א נאָנטן הויף, וואו א יונג מיידל האָט א באָרוויסע געברא־דיעט אין א לוזשע, געיאָגט זיך נאָך א טשאַטע קאַטשקעס און אומבאמערקט דאָס קליידל ביז איבער די קני פארהויבן.

ווען ר' אפרים איז אדורכגעגאנגען זיינען אלע שטיל געבליבן און אלע האָבן אים אין איין קול באגריסט. זיינע טויבליכע אויערן האָבן

קוים פארנומען זייערע שטימען, האָט ער שטום א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז מיט גיכע טריט פארשוואונדן אין א געדיכט באַבוימטן הויף פון וואנעט ס'האָבן זיך ביז אהער דערטראָגן דער געפילדער פון מענטשליכע קולות און א געלויף פון פערד.

צווישן די יונגעןביים טויערל האָט זיך אריינגערוקט דער אַלטיטשקער מיט דער ברענענדיקער ליולקע. זיין פארמעט פנים האָט געגלאנצט און ארום זיין שווארצן מויל האָבן שאָטנס גערוט. ר'האָט זיך אוועקגעזעצט אויף א נידעריק צעפוילטער באנק, וואָס איז געשטאנען ביים טויערל, גע־פּופּקעט די ליולקע און ארומגעמענדיק מיט פארזשמורעטע אויגן די גרופּקע יונגווארג האָט ער געשטאַמלט:

— נו, יא, דער לעצטער איד פארשווינדט פון דאנעט, זיי אנטלויפן און אונזערע קומען פארנעמען זייער פּלאץ, אָבער, ס'איז אמאָל דאָ פריילין געווען, אמת'דיק פריילאך. אָט די גאס, איז פול געווען מיט אידן און מיר — זייערע פּאָנען...

ר'האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, טרויעריק איינגעגראָבן דעם בליק צו דער פייכטער ערד און נישט דערהערנדיק א זייטיקע באמערקונג געזיפצט:

— וואוילע לייט די אידן, באזינטע, אָבער קענען נישט פירן קיין קאמפּ־לעבן און אפשר... אפשר... טויגן זיי נישט פאר דעם?

ערגעץ האָט א מוטער גערופן איר קינד פון פעלד. א פארשפּעטיקטער רייטער האָט צעשלאָגן אין געלויף בארג אראָפּ די שטילקייט פון פאר־נאכט. איינציגווייז האָבן די שטערנדלאך זיך אנגעהויבן צינדן און אין מזרח האָט דער בארג אָנגעהויבן זיך רויטיקן: עס איז אויפגעגאנגען א גרויסע לבנה.

ארום אַלטן האָט זיך צונויפגעקליבן א גרעסערע גרופּע. בלאָנדע און אָנגעפּברענטע געזיכטער האָבן אין דער טונקעלקייט זיך צונויפגערוקט. א ברוסטיקער אָטעמען האָט געקרויזלט אויף בלאָנדע וואָנסן, קינדער קעפּ־לאך, קורץ געשוירענע האָבן זיך געהויבן פון גראָז ארויס. דער אלטער ציט שווער די ליולקע און דערציילט:

„דעמאָלס איז ער נאָך יונג געווען און קרעפטיק. די באַקן פּולבלוטיק האָבן געגרוט אין שאָטן פון זיינע לאַנגע געקרויזטע וואָנסן. יאָ, אויך ער איז אמאָל יונג געווען, אָבער דאָס איז שוין לאַנג אין דעם, זעהר לאַנג. דאָ איז ער געווען דער ערשטער דייטש. געפילט זיך תמיד מוטיק, אַרבעט האָט נישט געפעלט און ס'האָט געגרוישט דאַן מיט לעבן אין אַלע ווינקעלאַך."

— אין די פּאַרנאַכטן — האָט דער אַלטער מיט פאַרמאַכטע אויגן זיך איבערגעטראָגן אין ווייטער פאַרגאַנגענהייט — אין די זומער אָוונטן האָט אַ ים פון פרייד און געזאַנג געשטראָמט אָט אויף דער דאָזיקער גאַס. די יוגנט האָט זאָרגלאָזע זיך איבערגעגעבן צו שטורמישע באַגערן, מ'האָט הייניק געאַרבעט, אָבער גרויס איז געווען דער חשק צו לעבן. זינדיק און פריי צו לעבן"...

„איר זעט דאָרט יענץ בערגל צעוואָרפענע ערדשטיקער ביים עק פון קאָלאָניע? — שטרעקט ער אויס די ציטעריקע האַנט אין דער לופט — דאָרט איז זייער הייליק פּלאַץ געווען. גאַנץ הויז און די היים פון די אַלטע אידן אין קאָלאָניע. היינט איז פון דעם אַ בערגל ערד געוואָרן... ווייטער אַהין, דאָ און דאָרט, וואו אייער בליק זאָל נישט פאַלן, זעט איר צעוואָרפענע ערד־שטיקער, איינגעפאַלענע ווענט, אויסגעהאַקטע און פאַרוועלקטע ביי־מער, דאָס אַלץ זיינען סמנים פון יענעם צופרידענעם לעבן, לעצטע עדות פון אַ שוין אָפּגעשטאָרבענער צייט"...

— אָבער פאַרוואָס, אַלטער פאַרוואָס? ווער האָט די לייט פאַריאָגט פון דאַנעט? ווער האָט צעשטערט זייער היים, זייער פרייד?

דער אַלטער האָט אויפגעהויבן די טרויעריקע אויגן, אָנגעקוקט פאַר־שטאַרט דעם פרעגער און שווער געאָטעמט.

— ווער? זיי אליין! ס'איז שווער צו ריידן שלעכטס אויף די, וואָס זיינען מיר נאָנט געוואָרן, וואָס כ'האָב ליב געהאַט ווייל זיי האָבן מיר וואַרימקייט און שוץ געגעבן, אָבער ס'איז פאָרט אַזוי. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען אָפּצוהיטן זייער אייגענע נעסט פון פרעמדע ווינטן. זיי האָבן נישט געזוכט פעסט צו מאַכן דעם גליקליכן אָנהויב. נישט פאַרשטאַנען די פרייד פון אייגענער אַרבעט און נישט געוואוסט אָפּצושאַצן די מוטערליכע צאַרטקייט פון ערדישע ברכות. ס'קומט מיר אויס וואונדערליך, וויפיל פרייד נעמט אַרום אַ אונזעריקן ווען ר'באַקומט אַ דאַך איבערן קאָפּ און

א שטיקל ערד אויסצובויען א אָרימע היים פאַר זיין משפּחה. און זיי, מענטשן אָן א היים, אָן א פאָטערלאַנד, און קענען זיך נישט צובינדן מיטן וואָרצל איינקלעמערן זיך אין ערדישן־לייב. איינציגווייז האָבן זיי, ווי דורך א עפּידעמיע אָנגעהויבן דעזערטירן און פאַרלאָזנדיק גאָטס ערד, געלאָפן אַנ־צופילן די שטאָט, לאָזנדיק נאָך זיך אָט דעם אומעט און חורבן וואָס אייערע אויגן זעען".

א קאַלטע אימה האָט געווייעט פון אַלטנס שטאָלענע שטאַמעלדיקע רייד. עפּעס ווי ריחות פון פאַרעלטערטע פּגרים האָבן פון זיי געאָטעמט און א ציטער איז לייכט דורכגעלאָפן די קערפּערס פון די יונגען.

— אָבער מיר וועלן אַנדערש זיין־...

אין דעם חושך פון נאַכט האָבן די ווערטער, אַרויסגערעדט מיט הייליקן ערנסט און מיט האַרץ געקלונגען ווי א שבועה, א געבאָט.

דער שמועס איז שוין געווען צו ענדע. יעדער איז שוין צו זיין אָרימער היים געגאַנגען. דאָס דאָרף האָט מיט צוויי פלעקן ביים וועג געאָטעמט און אין דער טיפקייט געפינקלט מיט צענדליקער מאַטע פייערלאַך.

און שוין גאָר שפּעט ווען דער אַלטער ר' אפרים האָט זיך געשלייכט צוריק אַהיים האָבן די דאָרפישע הינט כמעט ווי נישט דערקענט אים, האָבן געריסן זיך ווילד און געהאַווקעט. ר' אפרים האָט זיך נישט געוואונדערט דערויף, וואָס זיי באַפאַלן אים ווי א פרעמדן. געפילט זיך שוין אַליין אויך א פרעמדער, א נישט דאָיקער און אויף זיין געבויגענעם רוקן האָט געדריקט די לאַסט פון א געוועזענעם לעבן פון וועלכן ר'איז דער לעצטער פאַ־ריסענער וואָרצל...

עסטאנסיא „לאַס טשיניטאַס"

אין א האלבן קרייז זיינען געשטאַנען ברייט־מוטליך די צעוואקסענע אַלטע אָמבוען. צווישן זיי, די לאַנגע קאָריטעס מיט פריש וואסער וואָס האָט דורך רערן אהער געשטראָמט פון דער ווייטער מאַלינא, וועלכע איז געשטאַנען אויף׳ן בארג.

פּאָטער און זון האָבן אומגעשפּאצירט דורך די בוימער־אַלייען, רעווידירט די קראַנען און רערן. ס׳איז געווען צען אזייגער פרי און באלד וועט דער סקאַט, אָנגעפרעסן מיט סוף זומער פּאשע, ציען דורשטיק אהער.

— טאטא, איר האנדלט נישט גוט, דאכט מיר!...

דער עלטערער אָנגעבויגן איבער א שמאָלער קאָריטע האָט געוואשן די הענט אין פליסענדן וואסער. ביים זונ׳ס ווערטער האָט ער זיך אויסגעגלייכט, אָפּגעטרייסלט דאָס וואסער פון די הענט, פארקנייטשט טיפער די אויגן, פארזונקענע אין הויט טארבעלאך און האָט געציילט די ווערטער:

— און דאָס? פון ווען די עצות?

— אָבער ס׳מוז דאָך קומען צו א אויסגלייך, און — זיי זיינען דאָך גערעכט!

— גערעכט צו נישט, דאָן גארסיא האָט אזוי געהייסן און כ׳מוז נישט מער ווי אויספאָלגן...

לאָרענסאָ האָט שטייענדיק אָנגעשפּארט אן ברייטן בוים נאָכגעפאָלגט דעם פּאָטער׳ס באוועגונגען און געקרויזלט דעם ברעג פון געפלאָכטענעם לאַסאָ אין הייס! זאמד.

— פאָלג מיך, טאטא, האלט זיך אָפּ פון דעם. אזויפיל יאָרן געלעבט אין פרידן... ס׳וועט נישט גוט זיין...

ר'האָט זיך דערנענטערט צום פאָטער, ארויפגעלייגט ביידע הענט אויף יענעמ'ס אקסלען און מיט געבעט אריינגעקוקט אין זיין געקאָרטשעט ערנסט געזיכט.

דער פאָטער האָט זיך אומבאקוועם געפילט פון לאָרענסאָס פאמי־ליערער נאָענטקייט, געזען די צודרינגליכקייט פון זיין בליק און די מורא פון אים באזיגט צו ווערן האָט אים צוריקגעבראכט די הארטקייט.

— פארפאלן, זון, ס'איז א באפעל אזא.

דער בחור האָט אראָפגעלאָזן די הענט, געבליקט אין דער נידער און דערזעהענדיק אָנקומען די ערשטע קי האָט ער זיך אוועקגעלאָזט עפענען דאָס דראָטענע טויערל.

דאָס גוטמוטיקע פנים פון אינטענדענט האָט געציטערט פון נערווע־זיטעט. די סבה פון זיין אויפרעגונג איז געלעגן אפן פאר זיינע אויגן אויפן טיש. צוויי אויפגעריסענע בריוו. איינער האָט דערציילט פון דער פיינלי־כער לאגע פון קארגע הונדערט פאמיליעס פון דער עסטאנסיא פון דאָן־גארסיא. ס'איז אַ דאָקומענט פון „פיין און גרויל". „35 יאָר ווי מיר בע־ארבעטן די דאָזיקע פעלדער, מיר האָבן געהאט זאטע יאָרן. דאָס פעלד — בתולה־ערד האָט יאָרן לאנג געגעבן מיטן פולן הויפן, און יעצט, דאָס לאנד איז אויסגעמאגערט. 5 יאָר ווי מיר זייען און שניידן נישט חובות פרעסן אונז אויף ביזן גרונט און דאָך זיינען מיר נאָכגעקומען ביז היינט פונקט־ליך אונזערע צאָלונגען. דאָס יאָר קענען מיר אָבער קיין 18 פעזאס א העק־טאר נישט צאָלן, ס'איז נישטאָ פאר די קינדער קיין ברויט. מיר האָבן גע־בעטן א רעדוקציע, פערצן פעזאס אזוי אויך געגוג טייער פארן אויסגעמא־גערט לאנד, אָבער דאָן גארסיא איז פאר'עקשנ'ט און ר'דראָט מיט דע־סאלאָכאָ..."

דאָס ברייט־פאטריאכאלע פנים איז אָנגעלאָפן געוואָרן מיט ציטער־דיקע אָדערן. א שוויים האָט געזעצט אויפ'ן רויטן נאקן.

— 18 פעזאס א העקטאר! היינט, ווען תבואה איז אומזיסט — האָט ער אריבערגעוואָרפן זיין אויפרעגונג צום סעקרעטאר, וואָס איז געזעסן צע־לייגט אין א ברייט־געבעטן שטול און געשטעמפלט פאפירן.

— דער דאָזיקער מענטש ווערט משוגע און וויל מיך אריינשלעפּן אין זיינע אוואַנטורעס...

— ר'איז דאָך אָבער בעל־הבית איבער זיין עסטאַנסיאַ און מעג טאָן וואָס ס'גלוסט זיך אים — האָט יענער אָנגעשטעלט זיינע שטעכיקע אויגן אויף זיין הויפּט.

— זאָל ער זיך אפילו אָפּדרייען די קאָפּ, אָבער מיר זאָל ער אין דעם נישט אריינציען. אָט דער בריוו זיינער איז אַ דאָקומענט פון שאַנד פאַר אונזער אויטאָריטאַטיווע מאַכט. פאַר וועמען האַלט מען אונז? פאַר אויספירער פון די קאַפּריזן פון דעם אָדער יענעם עסטאַנסיעראָ? נישט גענוג וואָס מיר קומען נישט נאָך אונזערע פאַרשפּרעכונגען וואָס מיר האָבן זיי געגעבן פאַר די וואַלן, און דאָ דעסאַלאַכירן!...

פאַר אויפרעגונג איז ער אויפגעשטאַנען פון שטול, מיט פאַרקנייטשטע פויסטן אין וועלכע ער האָט געדריקט די פּאַפּיר האָט ער שוין אַ שוויי־גענדער אומגעשפּאַצירט איבערן שרייב־צימער.

זיין געזיכט, אַ ערנסט באַזאָרגט האָט געגלוט אין שאָטן פון די גרויסע ווייס־גרויע וואָנסן און האָט אויסגעדריקט אַ פיינלעכע פאַרלעגנהייט.

דער סעקרעטאַר האָט מיט שפּאָטישע בליקן נאָכגעקוקט זיינע באַוועגונגען און לאַנגווייליק צונויפגעלייגט און ארכיווירט פּאַפּירן.

ענדליך מיט ענטשלאָסנקייט איז דער שעף צוגעגאַנגען צום טיש פון סעקרעטאַר און אויסגערופן:

— ניין, דאָס וועט נישט גיין, טעלעגראַפיר תיכף: צו דאָן גאַרסיאַ ר'זאָל צוריקרופן זיין באַפעל צום קאָמיסאַר — און צום גובערנאַטאָר: אויך וועגן דעם ענין און אַז כ'וועל רעגונסירן אויב דער עסטאַנסיעראָ וועט וועלן זיינ'ס אויספירן.

די שרייב־מאַשינקע האָט טרוקן געקנאַקט וואָרט נאָך וואָרט. אַ נישט באַרוהיקטער נאָך האָט דער אינטענדענט אַ כאַפּ געטאָן די הוט און איז מיט גיכע טריט אַרויס אויף דער שטילער גאַס...

ווען לוסיאַ „דער וואַסקאָ" האָט דער ערשטער זיך דערוואוסט פון די באַפעלן וואָס דאָן גאַרסיאַ האָט ארויסגעשיקט צום קאָמיסאַר און צום אינ־

טענדענט האָט ער גלייך געשפּאַנט די הויכע ברעקע, מיטגענומען זיינע קליינע קינדער, אָפּגעגעבן די פאַראָרדנונג דער אַלטער מיט די טעכטער און איז אַוועקגעפאָרן זיך אַ עצה האַלטן מיט אַנדערע שכנים.

ס'האָט לאַנג נישט גענומען און ביי איינעם פון זיי האָבן זיך פאַר־זאַמלט כמעט אַלע אַרענדאַטאָרס. פון פאַרוואָרפענע עקן פון עסטאַנסיאַ זיינען זיי געקומען געטריבן פון דער זאָרג פאַר דערהאַלטונג, געיאָגט פון דער מורא נישט צו בלייבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

און ס'האָט ערנסט אויסגעזען אַזוי. אין פאַרלויף פון אַלעמענס גע־שפּרעך זיינען דורך פאַרשידענע קוועלן באַוואוסט געוואָרן אַז דער אַלטער פאַרביסענער עסטאַנסיעראָ האָט מיט משוגענער האַרטקייט באַשלאָסן צו אָפּראַמען זיינע קאַמפּן פון די אַרענדאַטאָרס און אַוועקזעצן פּעאָנען זיי זאָלן אַרבעטן דירעקט פאַר אים. און מיט אַלע מיטלען גרייט ער זיך עס צו טאָן. און מיטלען באַזיצט ער גענוג. ר'איז מעכטיק און האָט איינפלוס.

די באַזאָרגטקייט פון די פּאַכטער'ס האָט בולט זיך אויסגעדריקט אין זייער גאַנצער אויפירונג. די פאַרזאַמלונג, אַ געמיש פון אַלט־געקאָרטשע־טע פּנים'ער, גרויע און נאַקעטע קעפּ און צווישן ערשט פאַרהייראַטע יונגע־לייט, וואָס זיינען האַלב צוריקגעצויגן געזעסן אָן אַ זייט און אין דרך־ארץ פאַר די עלטערע זיך מיט קיין וואָרט נישט געמישט.

פון די פאַרשידענע מיינונגען האָט מען קיין לייזונג צו דער שווערער לאַגע נישט געפונען. מען איז בלויז צום סוף זיך איינפאַרשטאַנען צו האַלטן זיך געאייניקט און ביי יעדער שוועריקייט, וואָס קען זיך אָנרוקן זאָל מען זיך ווידער טרעפן.

דער עיקר, קיינער זאָל נישט וואַגן נאָכצוגעבן דאָן גאַרסיאַן.

צום סוף שוין, ביים פונאַנדערגיין זיך האָט בליץ שנעל אַנגעיאָגט אויף אַ ווייס פערד דעם מאַזשאָרדאָם'ס זון, לאָרענסאָ. צופלאַמט פון שנעלן געלויף און פון אויפרעגונג האָט ער ביים אַראָפּשפּרינגען מיט אַ האַנט באַוועגונג צונויפגערופן דעם שוין צעשאָטענעם עולם.

ר'האָט גערעדט מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער, שאַרף אָבער אַרומגע־רינגלט פון דער מאָסע צוהערער האָט ער אויסגעזען ווי אַ דאָרפישער פּרעדיקער.

— וויסן זאָלט איר, אַז די לאַגע איז ערנסט. דער אינטענדענט האָט שוין רעגונסירט. דער קאָמיסאַר איז אַוועקגעפאָרן אין דער וואוינונג פון

דאָן גאַרסיאַ און דאָרט ווערן געזאַמלט די ווילדע „וואַסעראָס״, וואָס ר׳האַלט פאַר זיינע פּי, ספּעציעל געבראַכט פון „נאַרטע״. איר קענט זיך יעדן טאָג ריכטן אויף זיי, מיין פּאַפּאַ קען אייך גאָרנישט העלפן. ר׳האָט אייך בלויז געשיקט זאָגן איר זאָלט זיין גרייט.

זיינע ווערטער זיינען ווי פאַרלאָרענע דונערן געפאַלן אויף זיי און זיי זיינען געבליבן שטיין שווייגנדע מיט צעעפנטע אויגן. די געפאַר איז, אַלזאָ, נאָנט.

לאָרענסאָ האָט געזען די פאַרלאָרנקייט פון די פּויערים האָט אויס־געמופן:

— ס׳בלייבן צוויי אויסוועגן, שרייבט אוועק אַ בריוו צום גובערנאַ־טאָר און אויב ס׳וועט נישט העלפן, זיך נישט לאָזן רירן פונעם אָרט.

אַלע האָבן מיט אים איינגעשטימט.

ווען לוסיאַ האָט זיך געלאָזט פאָרן צוריק צו זיין פּאַטער האָט אים לאָרענסאָ אָנגעיאָגט מיטן ברענענדיקן פערד צוגעבונדן אים צום געשפּאַן און זיך געזעצט נעבן דעם וואַסקאַ.

— הערט אויס דאָן לוסיאַ, איר זייט דער עלטסטער תושב דאָ, איר זייט אויך מיין פּאַטער׳ס גוטער־ברודער פון די אַלטע צייטן ווען ר׳איז נאָך געווען אַ פּועסטעראָ, דעריבער זאָג איך אייך, ס׳וועט אויסקומען צו פירן אַ מלחמה, אַ אמת׳ע בלוטיקע מלחמה און זייט ווייסן אַז כ׳בין מיט אייך.

דער אַלטער האָט צוגערוקט צו זיך די דריי קליינע קינדער, אויסגע־מאַגערטע און פאַרשטויבטע און איבערגעגעבן די לייצעס אין לאָרענסאָס הענט. ר׳האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט זיינע מאַנדל־אויגן אין וועלכע ס׳איז געלעגן אַ חוזק־בליק און אַריינגעמורמלט אין די וואָנסן:

— גיי, זיי נישט קיין נאַר און שטופּ זיך נישט, און איבעריקנס וועסטו נאָר פאַרשאַפן צרות דיין טאַטן.

— מיין טאַטע וועט זיך איינגאַנצען צוריקציען און איך גיי מיט אייך צוליב צוויי זאַכן, ווייל איר זייט די שוואַכע און אומבאַשיצטע און צוליב... טרינידאַד...

— צוליב טרינידאד? צוליב מיין טאָכטער זאָגסטו?...

— יאָ, און יעצט ווען איר שטייט פאר שווערע טעג, זאָלט איר עס וויסן. כ׳בין מיט אייך.

— און דער פאָטער?

— כ׳ווייס נישט, כ׳בין שוין גענוג גרויס צו טאָן מיין אייגענעם ווילן...

דער אלטער האָט א כאַפּ געטאָן די לייצעס פון זיין מיטפאָרערס הענט, האסטיק אָפּגעשטעלט די בריקע זיך אויפגעשטעלט און אַ בליק טוענדיק אויף לאָרענסאָן א איבערגעגאָסענער אין אויפגערעגטער פרייד האָט ער אים ארומגעכאַפּט און געדריקט צו זיך:

— גיב דיין האנט לאָרי, און זיי געבענטשט...

די קינדערלאך איבעראשט פון דער אונערוואַרטעטער סצענע האָבן אלע דריי ארויסגעפּלאַצט אין א געוויין...

דער שפּעט זומער האָט געמאָלן בלאָס־זילבערנע פּאסאזשן. די נער־וועאיש אומזיכערע זון־שטראַלן האָבן אין רוהיקן פרימאָרגן באגאָסן די ווייטע שטרעקן און ווייכן קופּער. די גרויסע שטרעקן פעלדער ביי די וועגן זיינען באדעקט מיט איבערגעפּולט שטרוי, צווישן וועלכע ס׳גרינט די נאָך־קאָסטשע פּאשע. אויף די וועגן ציען זיך פּאסן לאַכיקע מארגאריטקעלאך.

קליין און נידעריק איז לוסיא דעם וואסקאס הויז און גרויס, ריזיק ברייט איז דער הויף אָנגעפּראַפּט מיט א גרויסער באלעבאטישקייט. אַן א צאָל מאַשינען, ברייטע קאַראלן, וועגענער און קאָריטעס און איבער אַלעמען שטייט מאַיעסטעטיש די הויכע „מאָלינאַ” וואָס מיט איר דרייענדער ראָד היינגט זי איבערן באוועגנדן הויף, ווי א שוצענדער אָדלער מיט צע־שפּרייטע פּאָכענדע פליגל.

העכער צום בערגל א הונדערט שריט פון הויף ליגט, אָפּגעצוימט מיט געפלאָכטענע דראָטן און ברייט צעוואקסענע טאמאריסקאס ווענט דער גרינסן־גאָרטן. אהער, ווי צו א רעגלמעסיקן גאָטעסדינסט — קומט יעדן פרימאָרגן טרינידאד, דעם וואסקאס עלטסטע טאָכטער. פון קליינערהייד אַן איז זי די וועלכע בעארבעט און היט אָפּ דעם גרינסן גאָרטן און ס׳איז

נישט פארביי קיין טאָג אין איר לעבן, נישט צו מאכן אירע פרימאָרגן באַזוכן דאָ.

פון זינט ס'האָט זיך ארייננעריסן די אומזיכערקייט און אומרו אין די היימען פון די פאַכטערס האָט א אינסטינקטיווע זאָרג באהערשט דאָס 20 יעריקע מיידל. א באָרוויסע, א ריין אויסגעוואַשענע מיט איר שווארץ געפלאָכטענעם צאָפּ פארוואָרפן אויף הינטן האָט איר טונקל געזיכט, א בולטע אָפּשפיגלונג פון איר מוטער'ס אינדיאַ שטריכן, געלויכטן ווי פרישע בלעטער קעגן דער זון, זי האָט אָנגעהויבן באַזוכן אָפּטער דעם גאָרטן, אָפּגעליגן שעהן לאַנג צווישן די בלויליכע ארבוזן פלעכטן, אומגעקראָכן פון בייט צו בייט און ווי ס'וואָלט א גאַנצע געפאר געדראָט באטראכט אויפמערקזאם גלעטענדיק יעדעם פלאַנץ. א שטיק פון איר ביינקענדע נשמה האָט זי ארייננעלייגט און אָט דעם וואקסענדן גאָרטן. די צייטיקייט פון די פירות האָט אין איר דערוועקט שטימונגען וועגן די געבורט סודות פון דער נאַטור. און אין די מאָמענטן האָט זי מיט א קלאפענדיק הארץ און שווער אָטעמדיק זיך געוואָרפן צו דער ווארימער פייכטער ערד, זיך געדריקט צו איר און א ספּאָנטאנער אויסברוך פון טרערן פלעג אויסלייזן איר איבערפולט געמיט.

א העפטיקער גאַלאָפּ האָט איר געמאכט אויסדרייען דעם קאָפּ. צו דער הויכער וואנט האָט זיך דערנענטערט א רייטער. דאָס איז געווען לאָרענסאָ, זי האָט אים דערקענט און איז אים נעלאָפן אקעגן.

דורכקריכענדיק דעם „טאמאריסקאס" פלעכט איז ער ווי א יונגער יאגואר לייכט צו איר צוגעשפרונגען איר ארייננעכאַפּט אין זיינע מוסקולירטע אָרעמס און אוועקטראָגענדיק זי אין ווייטסטן ווינקל פון גאָרטן זי אוועקגעזעצט לעבן זיך:

— טרינידאד, טייערע, ס'איז אפשר היינט דער לעצטער טאָג, וואָס מיר טרעפן זיך דאָ... אין גאָרטן...

ווי א פארוואונדערטער גואנאקא האָט זי א שפּרונג געטאָן פון איר אָרט. א אומהיימליך פייערל האָט זיך אין אירע קויל־אויגן בעוויזן און האָט מיט די הענטלאך געדריקט די ברוסט —

— וואָס?...

— היינט קומען זיי, די אינפאמעס, זיי וועלן אלעמען אויף די וועגן ארויסוואַרפן. כ'ווייס עס...

ווי עמיצער וואָלט דעם באָדן אונטער אירע פיס אוועקגעשלעפּט האָט זי זיך א וואַקל געטאָן. אירע פאַרגלייזטע אויגן האָבן בליץ־שנעל דורכ־געטראָגן איבער די באַגרינטע בייטן און ווי זי וואָלט אַלץ וועלן אריינע־מען אין אירע אָרעמס האָט זי זיי צעשפּרייט און זיך אויסגעצויגן ווי א סנאָפּ מיט א פאַרשטיקטן כליפּען.

א געריריטער איז לאָרענסאָ צוגעלאָפן צו איר, זי אריינגענומען אין זיינע אָרעמס, געדריקט איר ציטערדיקן קערפּער, געקושט אירע באַטרער־טע אויגן און געשעפּטשעט שטיל:

— טרינידאַד, ליבענקע, וויין נישט, כ׳גיי מיט דיר, מיט אייך אַלע־מען... וויין נישט מיר וועלן גליקליך זיין... דו ליבסט מיר דען נישט?...

זי האָט נישט געענטפערט. די טרערן האָבן איר געשטיקט, זיינע צאַר־טע רייד, זיינע באַרירן איר קערפּער, דאָס דערשפּירן די ווייכקייט פון די גראָזן און דעם פייכטן ריח פון דער ערד האָט אין איר דערוועקט יענע אומדערקלאָרבאַרע שטימונגען, וואָס צערייסן אזוי אָפט איר האַרץ פון בייג־קשאַפט, האָבן א פלייץ געטאָן א וואַרימע כוואַליע און איר איינגאַנצן אָפּ־געגאָסן און געטריבן פון בלינדע פאַרלאַנגען האָט זי אַרומגעכאַפּט זיין האַלדז, זיך איינגעגראָבן איינגאַנצן אין זיין קרעפטיקן קערפּער און גע העשעט אין קאָנוואולסיעס.

באַרוישט פון איר ליבעס אויסברוך האָט ער היים געשעפּטשעט:

— כ׳האָב שוין דיין טאַטן געזאָגט — מיר וועלן צוזאַמען זיין, שטענ־דיק, כ׳גיי מיט דיר...

ווי אין א חלום האָבן זיינע שטילע ווערטער געגלעט איר געזיכט. זי האָט לאַנגזאַם געשפּירט ווי זי ווערט טיפער אריינגעגראָבן אין זיין לייב.. אָט דערפילט זי זיין פליסענד וואַרעם בלוט, זיין שלאָגענדיק האַרץ, און מיט צוגעמאַכטע אויגן האָט זי געזינקען טיפער אין גראָז, זיך צונויפגע־גאָסן מיט די ריחות פון דער ערד, אָט ווערט זי א טייל פון זיי, א ערדישע פּלאַנץ...

דער עכאָ פון א גרויסן טומל האָט זיי אויפגעוואַכט פון דער פאַר־טויבונג. לאָרענסאָ איז דער ערשטער אויפגעשפּרונגען און צולויפענדיק צום פערד האָט ער זיך האַסטיק געלאָזט באַרג אַראָפּ צום הויף.

דער גאַנצער הויף איז שוין געווען באַלאַגערט. מיט שרעקלעכע קולות זיינען ווי שטורעם־ווינטן אָנגעלאָפן די ווילדע „וואַקעראָס" און זיך גע־

שטעלט אין א דינסט־גרייטער פּאָזע מיט זייערע אומרוהיקע פערד ארום הויף. אן אויטאָמאָביל איז צוגעפאָרן צום טויער און פון אים זיינען אויפ־געשטיגן דער קאָמיסאר, דריי מיט ביקסן באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן און נאָך איינער א הויך געבויטער אלטער מאַן — דאָן גארסיא.

אינדרויסן, הארט ביי דער כאַלופּע האָבן זיך אין א ענגער קופּע צו־נויפגעדריקט לוסיאס אַלטע פרוי מיט די קינדער. זי, ציטערנדיק פאר שרעק, און זיי, וויינענדיק מיט הארצרייסענדע חולות. לוסיא אליין א בלייכער איז מיט קורצע אָבער זיכערע טריט געגאנגען צום אויטאָמאָביל און איז שטיין געבליבן אינווייניק אין הויף. ר'האָט אויף זיין אַקסל געטראָגן זיין יאגד־ביקס.

דער קאָמיסאר האָט אין א שטרענגן טאָן איבערגעלייענט דעם באַ־פעל פון ריכטער אָפּצוליידיקן די פעלדער פון דאָן גארסיא אין משך פון 24 שעה, אָנבאָטנדיק אים אונטערצושרייבן זיין הסכמה דעם באַפעל דורכ־צופירן.

בעת דער קאָמיסאר האָט געלייענט איז דאָן גארסיא געשטאַנען אָנ־געלענט אַן א פּאָסט פון טויער און באטראכט דעם הויף. די פּאָליציאַנטן, ווי די וואַקעראָס זיינען געשטאַנען אין א שטומער רוהיקער פּאָזע.

א שרעקליכער כעס האָט זיך אָנגעצונדן אין לוסיאן. ר'האָט מיט זיין בליק ארומגענומען דעם גאַנצן הויף ביז טיפער אהין צו די פעלדער: דאָס אַלץ איז זיין פאַרמעגן. 25 יאָר ווי ער טרעט אויף דעם באָדן און יעצט איז ער צוזאַמען מיט זיין האָב און גוטס ארומגערינגלט פון פרעמדע, וואָס האָבן קיין האַנט נישט צוגעלייגט און אָט די פרעמדע ווילן אים טאָקע ארויסשטויסן פון זיין היים? פון זיינער! און אין נאָמען פון וואָס? אין נאָמען פון עפּעס א געזעץ.ווער שאַפט זיי די דאָזיקע פארשאָלטענע געזעצן, וואָס צושטערן די היימען פון רוהיקע פּויערים? ר'האָט צוגעדריקט פעסטער די ביקס און אויסגעשריגן ווילד:

— ווער ס'וועט זיך אריינרייסן אין הויף וועט דער ערשטער דערשאָסן ווערן. מיט גוטן וועט איר מיר פון דאַנען נישט ארויסשטויסן, קאַנאַליעס!

— אין נאָמען פון דער אויטאָריטעט, גיט זיך אונטער, ווייל מיר ווילן באַנוצן גוואַלד — האָט דער קאָמיסאר אויסגערופן און איז צוגע־טראָטן נענטער צום טויער.

ס׳האָט אַ קראַך געטאָן אַ ביקסן־שאָס. דער קאָמיסאַר האָט זיך אַ שליידער געטאָן צו ד׳ערד. די קויל האָט אים נישט באַרירט. און איידער דער וואסקאַ האָט צייט געהאַט אַ דריק צו טאָן צום צווייטן מאָל האָט שוין אַ לאַסאָ פאַרשטיקט דעם אַלטנס האַלדז און איז געשלעפּט געוואָרן איבערן גראָז. ביי דער כאַטע האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקליכער געיאָמער וואָס האָט פאַרוואַנדלט דעם הויף אין באַטויבענדן גוואַלד. פּלוצלינג האָט זיך די געפלאָכטענע שטריק איבערגעהאַקט און לוסיאַ איז געבליבן ליגן פריי אָבער צעמישט אויפן גרינס. לאָרענסאָס רעוואָלווער קוילן האָבן באַפרייט דעם אַלטן פון דער פּעטליע.

לאָרענסאָ איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד און האַלטענדיק אין האַנט אַ בלאַנקן מעסער און אין דער צווייטער אַ פּיסטאָלעט האָט ער זיך דערנענטערט צו דאָן גאַרסיאַ.

— דו, לאָרענסאָ! — האָט דער עסטאַנסיעראָ מיט שטוינען באַטראַכט דעם זון פון זיין מאַזשאָרדאָם — דו אויך קעגן מיר?...

אַ ים מיט פאַראַכטונג איז געלעגן אין לאָרענסאָס בליק:

— דער קנעכט פון אייער עקסלענץ, גראַנד־עסטאַנסיעראָ פון „לאַס־טשיניטאַס״ איז נישט אויפגעשטאַנען קעגן אייך. ר׳האָט זיך נאָר געשטעלט ווי זיין געוויסן דיקטירט אים, אויף דער זייט פון די אַלע שוצלאָזע, וועלכע אייער גרויסמוטיקייט וויל מיט גרוים גנאָד אַרויסוואַרפן אויף דער „קאַזשע״!

— גיב זיך אונטער קאַנאַליע! — האָט דער קאָמיסאַר אויסגערופן אָפּטרייסלענדיק די שטויב פון זיינע קליידער.

לאָרענסאָ האָט נישט פאַרלוירן פון אויג קיין שום באַוועגונג פון די אַרומיקע. זיין קאַמפּס לוסט האָט אין אים געוועקט דעם ווילן נישט נאָכצוגעבן, אָבער זיך אַרומקוקנדיק פאָרזיכטיק האָט ער געזען זיך אַרומגערינגלט פון אַ צענדליק רייטער. פון זייערע שאַרפע קאַלטע בליקן האָט צו אים אַראָפּגענידערט די גירעקייט נאָך בלוט. דער קאַמף איז אַ שטוינענד אומגלייכער — און טריניטאַד....

— גיט מיר אייער וואָרט, קאָמיסאַריאָ, מיך נישט צו אַרעסטירן, גיב איך אָפּ די וואָפן.

— אַזוי בלייבט עס, האָסט מיין וואָרט.

לאָרענסאָ האָט א שלײדער געטאָן דעם רעװאָלװער טיף אין גראָז און אַרײנגערוקט דעם מעסער צוריק אין שײד.

דאָן גארסיא האָט צוגערופן אײנעם פון די רײטער און א רגע מיט אים געשמועסט און באַלד האָבן אַלע װאַקעראָס זיך צעלאָזן איבערן הויף מיט א פײפערײ און געשרײען.

שטורעם און רציחה האָבן געװוימלט אין די אומרוהיקע גײסטער פון די קינדער פון „נאַרטע". כחות װאָס האָבן געזוכט זײער אויסדרוק און צעשטערונג. דער גאַנצער הויף איז אויפגעטרײסלט געװאָרן דורך זײערע אויפגערײצטע פאַרלאַנגען און װי צעװשעטע אוראַלטע אינקא שבטים א תל געמאַכט אין מינוטן, דאָס אָנגעזאַמלטע מענטשליכע מי זײט יאָרצענדליקער. מיט זײערע אײזן־פעסטע געפלאָכטענע „לאַסאָס" צוגעבונדן צו די אויפגעקאָכטע װילדע פערד האָבן זײ אַראָפּגעריסן די דעכער פון דער כאַלופּע, אײנגעװאָרפן װענט, אַראָפּגעריסן שטיקער פון דער מאַלינא, פאַרשלעפּט ביז דעם צענטראַלן װעג אַלע מאַשינען און װעגענער, פאַרטריבן אַהין פײער־פלינק דאָס גאַנצע פי און שאָף, אויסגעריסן בוימער מיט װאָרצלען. זײערע װילדע געשרײען און פײפערײ האָט װי סטימולירט און אונטערגעשאָטן פײער זײער צעשטערונגס ארבעט און װען דאָס גאַנצע האָב און גוטס א צעשמעטערטס איז שוין געלעגן אָנגעװאָרפן אויף דער „קאַזשעי" װײט פון שטוב איז נאָך זײער צעװשעטער פאַרניכטונגס־גײסט נישט געשטילט געװאָרן, האָבן זײ סתם מיט יובלדיקע קולות זיך צעלאָזט מיט די צעפלאַמטע פערד אין א װאַנזיניקן געיעג איבער די פעלדער צוריקומענדיק צום סוף שלעפּענדיק אויף דער „לאַסאָ" א יונג ביקל, װעלכער איז אין אויגן־בליק געשאָכטן געװאָרן און ס'האָט נישט געדויערט לאַנג װי ער האָט אין צװײ שטיקער זיך געבראָטן מיט דער פעל בײ א ריזיקן פײער.

דאָס גאַנצע הויז געזינד צעבראָכן און פאַרקומערט בײם אָנבליק פון חורבן פון זײער הײם, איז דאָך צוגעטוליעט אײנס אין אַנדערן, פאַראינטריגירט געװאָרן זעהענדיק אָט דעם סטיכיש־פּרימיטיװן אָנפאַל פון פאַרניכטונג. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט דאָס דער װאַלד מענטש, דער בלוט זוכענדער חיה־מענטש איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים און װעט פון דער װעלט אָפּמעקן אירע שאַפונגען זײט דורות.

לאָרענסאָ האָט אין אָנפאנג נישט געקענט איינהאַלטן זיין אויפגע־בראַכטן צאָרן ווען די ווילדע האָבן אָנגעפאַנגען זייער בעסטיאַלע ארבעט. ר׳איז גרייט געווען זיך אריינוואַרפן, זיי נישט דערלאָזן, אָדער אומקומען צוזאַמען מיט אַלע, אָבער וואָס העפּטיקער דער חורבן האָט זיך פאַרשפּרייט, וואָס ווילדער ס׳האָבן זיך צעשפּילט די געמיטער פון די „וואַקעראָס" איז ער אָפּהענטיקער געוואָרן און זיך צוריקגעצויגן ווייטער אין פעלד אריין באַ־הערשט פון אַ שרעקליכן קאָשמאַר צושטאַנד.

שפּעטער ווען ר׳האָט זיך דערמאָנט אָן טרינידאַד איז ער מיט ווילדן אימפּעט פון אַ פאַרוואונדערטן יאַגואַר געפלויגן צום גאָרטן. זי איז גע־לעגן אויף אַ בייט פון בליענדע ליליען און מיט אירע צעשפּרייטע אָרעמס ארומגענומען די פלאַנצן האָט זי אויסגעזען ווי אַ דערשאָסן פויגל. זי איז געלעגן אין אָנמאַכט און לאַנג האָט געדויערט ביז ער האָט איר אויפגע־מונטערט. און ווען זי האָט פון דער ווייטן דערזען די אומגעוואָרפענע „מאַלינא" און אראָפּגעריסענעם דאַך האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַז־מישן געוויין דריקענדיק זיך צום באַבלומטן בייט:

— גאָרטן מיינס, פריינט מיינס, ווי שווער איז דאָס צעשיידן זיך מיט דיר, אויף אייביק! אויף אייביק!...

און זי האָט נישט אויפגעהערט צו שלוכצן איינגראָבענדיק זיך מיט די נעגל און פּנים אין דער ווייכער ערד...

בייגאַכט...

דורך דער לייגג פון אייניקע קילאָמעטער, אויפן צענטראַלן וועג באַ־וועגט זיך עפּעס, ווי קיינמאָל ביז יעצט. פּייערלאַך פינקלען, אַ קינדערישער געוויין רייסט די נאַכט פינצטערניש און זאָגט אוים דעם סוד: דאָ האָבן זיך פאַרקליבן די נייגציק ארויסגעשטויסענע פאַמיליעס פון דאָן גאַר־סיאָס עסטאַנסיאַ. דאָ ליגן צובראָכענע קרבנות פון זיין ווילדן קאַפּריז, ארויסגעריסענע איבערגעוואַלד, איבערגעפאַלענע פון אַ ווילד־מענטשליכן סאַדיזם מיט דער ברכה פון געזעץ...

ס׳אָטעמט דער וועג מיט הנאה, ר׳איז נישט איינזאַם. קופּעס באַלע־באַטישקייט, הויז־זאַכן און מאַשינען אָנגעוואָרפן און, צווישן זיי באַוועגן

זיך אונטערן פרייען הימל, מענטשליכע שאָטנס, איינצעלנע גראָבע סילועטן פון בהמות און בלאָנזענדע הונגעריקע הינט. אונטער די וועגענער זיינען שוין די געלעגערס געמאַכט און א פּרוויזאָרישער כּליפּן אָן כּחות שוין וואַרפט א אימה. ביי די דראָטענע צוימען גייען אום די מענער, צעחושטע פון דער טראַגישער איבערלעבונג, פאַרצווייפלטע ביים טראַכטן וועגן מאָרגן, גייען אום פון איין קופּע צו דער צווייטער, קרעכצן ביטער און שטעלן אויף לסוף א מאַטע צו פאַרטרייבן דעם יאוש, אַריינצוברענגען א געמיטלעכע נאָטע...

אין דער גאַנצער ביטערניש פון דער לאַגע איז מען דאָך צופרידן וואָס מען איז נישט אַליין, אַלע צוזאַמען וועלן מיטן טאָג אָנקום זוכן א אויסוועג, אַלע צוזאַמען! אָפּגעמעקט ווערן די רוגז׳ן פון שכנישע קריגערייען. אָפּגעווישט ווערן די גרעניצן פון ראַסן און נאַציעס. דער וועג פון ליידן ברענגט זיי צוזאַמען ווי ברידער, ברידער צו טראָגן דעם זעלבן גורל־יאָך...

ס׳אָטעמט דער וועג מיט הנאה, זאַפט איין אין זיך דעם גאַנצן ריח פון חורבן. יעדעם מענטשליכן פליסטער, יעדן כּליפּ און קינדערישן געוויין, ווער ווייסט צו ס׳וועט זיך נאָך אַמאָל איבערחזרן אָט דער וואונדערבאַרער ספּעקטאַקל...

אויף יענער זייט צוים ליגן די פעלדער, גיבן אַרויס פייכטע ריחות ווי תמיד פון איבערגעפוילט שטרוי און שפּראָצענדע גראָזן און דאַכט זיך, אַז זיי באַגרייפן נישט דאָס גאַנצע וואָס קומט דאָ פאָר...

לידער

דער טויט פון „דאָן פערמין"
(באַלאַדע)

שפּילט זכרון אין דער לופט
ווי די קינדער אויף דער גאַס
וואָס אַלץ ווייסן, אויסגעפּרואווט,
מאַכן קונצן, מאַכן שפּאַס.

שפּיל זיך! זע נאָר נישט פאַרשווינד
פונ'ם אויער מיין אַצינד,
כ'וועל דערטאַפּן אפשר באַלד
אין דעם דורכזיכט קלאָר און קאַלט
אָט דעם זכר פון אַ וואָרט
פון אַ ליב־פאַרלאָזטן אָרט...

מיטן רויש פון צייט פאַרגיי
הער איך הער אַ לעצטעם מאָל
ווי אַ אָפּגעטעמפּט געשריי
זיך פאַרלירט אין קאַלטן טאָל.

שפּילן פעלדער דורך מיין שלאָף
ס'דוכט זיך תמיד — אָז אַ סוף
און ס'טרעט אויף מיט ריזן שריט
תמיד פריש דאָס לעצטע ליד
וואָס איז אַלט און דאָך באַקאַנט
וואָס דערקוטשעט און דערמאַנט...

זע איך: אלץ ווערט צונטער רויט
דורכגעוועבט אין גליענד־פאַרב
נאָר דורך וויזיעס ריין געבלויט
טאַנצן ווערטער קלאָר און הארב:

רו! געבענטשטע, רו און שלאָף,
ליבע געסט פון קליינער שטאָט.
אויף די געסעלאך אָן א סוף
קלינגט דאן בולט יעדער טראָט
פון א ציל־פאַרלאָזטן הונט
אָן א היים און אָן געזונט
שמעקט אַ בעטלערס קאַלטע פיס
און טוט צום הימל זיך א ריס...

קוימענס, שטיבלאך ריגלען, שטאָרן
דאָ און דאָרט א שווארצע וואנט
אָפּגעזונדערט, ווי פארלאָרן
פון א אומבאקאנטער האנט...

שוין די לעצטע טיר געשפּארט
פונ׳ם שיינק וואָס איבערפולט
מיט רויך געשרייען און פארשמאכט
האָבן טרינקער ווי צודולט
דורכ׳ן שיינקער רויט און שטארק,
ווי די שפּענער, פארן קארג
מיט א לייכטקייט אומגעשטערט
מיטן נאָז — געשמעקט די ערד...

שוין פארקילט דאָס לעצטע פלוך
בלייבט א לייזונג — און איין ציל

נאָך א צווײדײטיקן שפּרוך
רופט דאָס בעט צו רו — און שטיל...

וואקסט א שאָטן הויך ארויס
באלד א צווייטער אים — א שטויס
אָט דער דריטער שוין א פלעכט
און די חשכות — ווי זי שטעכט
זי פארוויקלט און פארקנוילט
וואו א סוד נאָר — זי פארהוילט...

וויקלט אוים זיך דאָ א סוד
ווען די פליגל פון דער שטאָט
שיצן דאָרט איר אייגן מיט
אלע גלייך אָן אונטערשיד?...
— ווערט דען דאָ די רו געשטערט?
— רוקן אָן זיך בייזע נעכט?

ווי דער האר פון טויטער שטאָט
צו אויף זיכער, צו אויף שפּאס
ס'איז געמאסטן פעסט דער טראט
לאָזט פארציטערן די גאס
וואָס כאפּט אויף אוןווארפט צוריק
אָט דעם שטעכיק הארטן בליק
און די זיכער־פעסטע טריט
פונ'ם גייער מיט געמיט.

קרעפטיק הויך — פלייצעס ברייט
אזש א מורא פון אים ווייעט
און ס'ווערט חשר'יק זיין גיין
איבער גאסן שפּעט אליין.

פארשלונגען ווערן איינס נאָך איינס
קרומע געסלאַך שוין אין שלאָף.
אָט, א גאָרטן און ביים סוף
פונם שטעטעלע דאָס קליינס
ווערן טריט פארהאקטער, שיטער
ווי מיט פאָרזיכט פון א היטער
אָדער ציל־בעוואוסטן גייער
מיט קאלט־בלוט אומגעהויער.

קען דער ביטרער שטערן פליסטער
צו די ווייכקייט פון א רויז
צו די האנט פון פרעמדן נסתר
אויסצוהיטן אלדאָס בייז?

ווערט צופיצלט און מיט פלינקייט
שטעטלס שלאָף און רו געמיט
ווען צופוסנס איר — א שריט
האָט פון ערגעץ ווער מיט גרינגקייט
צוגעטראָטן לייכט — א שפרונג
און א רויטער פלאמען־צונג
מיטן שרעק פון גנהם'ס בלום
אויסגעפראלט א מעכטיק ברום.

ווערט א קרייז פארפרעסט און ענג
מענטשן דאָ דורך אלע געננ
אויסגעשליידערט און געטריבן
דורך בהלה פון די שטובן.
קאלך געזיכטער — שרעק פארצויגן
זעען אויפגעפראלטע אויגן:

איינגעקנוילט דורך טויטן ווײ
דורכגעווייקט אין אייגן בלוט
שוין פארלאָשן דער געשריי
דוכט זיך אוים גאָר אז ס׳רוט
אַ ריזן קערפּער אויסגעצויגן.

איבער אים האלב איינגעבויגן
אויסגעשטרעקטע שווארצע הענט
גלאצט צו הויכקייט זיינע אויגן
— ס׳איז אַ פליסטער, צו ר׳ווײנט?...
אינעם בלוט פארזינקט די קני
באַלד אַ ברום וואָס ווארפט אַ שרעק
און דער קרייז פארגאפט אין ציטער
רוקט אהינטער זיך אוועק
און הערט הארבע ווערטער, ביטער:

”נעם די שטראָף צו, דאָן פערמין
„אין דער אייביקייט בלייב שטום
„ס׳האָט דיין לעבן, ווי אַ שפּין
„אויסגעזויגן יעדעם בלום.״

„וואו די אומשולד האָט מיט זונען
„הערצער מונטערדיק בעשטראלט,
„האָט דיין שמוציק האנט געפינען
„און דיין אומווירדיק געשטאַלט.״

„מאַמיש גליק און פרייד געלעכטער״
„האָט צעשטערט דיין שארפע שפּיז
„און די בתולה׳שאפט פון טעכטער
„ווי די מיסט פאר דיינע פיס!...

„גרויסער פּריץ „דאָן פּערמין!"
„וואָש מיט בלוט דיין יעדן פלעק,
„און נעם מיט זיך אין וועג — אהין
„אָנגעזאמלט שמוץ־געפּעק".

„נאר א סוף שוין! דאָן פּערמין
„אָפּגעהאקטע מיאוסע שפּין
„ס'איז מיין זעעל אויסגעלייזט
„און געפונען שוין איר טרייסט".

„ניין, אַ טרייסט נאָר אויף דער האלב,
„לעער און ווינטער אין מיין נעסט
„ווען נישטאָ מער איז מיין שוואלב,
„איר צעדושעט האָט דיין פּעסט"...

„זי — דער נעקטאר פון מיין לוסט
„זי — די שירה פון מיין זיין
„זי — דער זומער אין מיין ברוסט
„זי — דער באלזאם צו מיין פּיין"!...

„געטראָגן האָט זי מיר אקעגן — אלץ:
„דעם ריח פון די וועלדער — אין איר בלוט
„פון אומגעצוימטע הינדן — שטאָלץ
„פון איר גאאוטש שטאם — דעם מוט"!

„דו — פארטיליגסט האסט איר גאב
„דו — באַצוואונגען האָסט איר בתולה־לייב
„דו — א שווארצער שנאָבל ראב
„האָסט ארויסגעריסן זי — מיין ווייב"!...

„געשטויסן האָסטו זי צום לעצטן ראנד
„און ווי א שטאָלצע טאָכטער פון איר שטאם

„אָפּגעוואַשן פון איר לייב די שאַנד
„אוועקגעשיינקט איר האַרץ — דעם סם"!...

„ראובן, ראובן! לייזט דעם הונגער אויס פון שלאָף,
„הינט פאַרוואַגלטע! אהער, אהער!
„קיין זיפץ וואָס הייליקט — פאַר זיין סוף
„און נישט לאָזן קיינער זאָל — א טרער"...

רו און שלאָף, געבענטשטע געסט
צווילינג פּאָר — צו אונזער גליק
מאַכט מיט גוואַלד ווייך אונזער נעסט
שליסט דורך שעהן אונזער בליק...

העי, פאַסטוכל!

פארשלאָף נישט פאסטוכל, דו ברוינער
צווישן קוסטעס דאָרט, ביי גרינע וועגן
האַלט וואך דיין אויג און הארץ, ביז זון פארגיי
נו שפּעטער, שפּעטער וועסט שוין מעגן!...

העי! זע, פון ווייטן דאָרט, הינט א סטאַדע קומען
האַלט איין די טשערעדע, זי ציטערט שוין אין שרעקן,
זע, פון דרום רייטערס הוידען זיך אהערצו
נו, מסתמא ווילן עפּעס פרעגן!...

העי! זיי וואך, פארשלאָף נישט פאסטוכל איר דורכגיין
פאָלג דיין הארץ קלאַפּ, נאָכ'ן רויש פון טריט.
קוק! די אויגן אפן האַלט צו קלאָרער ווייטעניש
פון דיין גראז באהעלטעניש, וואַך און היט!...

העי! זייַ גרייט! זי שפּרייזט אהער און נענט זיך
פייף אקעגן איר, דיין ליד אוים פון די וועגן,
— וואָס מיר רייטערס, סטאַדעס הינט און זון געברי
— זאָל די טשערעדע לויפן זיך אין הוילע שרעקן!...

שאפונגס-שרעק

א שרעק מיט מאַטערונג, און אפשר... א אומזיסטע?...
נאָר כ׳ווייס, די רו מײַן, זי ווייסט נישט איר צוריקער
כ׳זע אליין זיך, א קרבן, א פאר׳מ׳אוסטער
נישט פאַר גאָט, נאָר פאר אלע געטער שטיקער!...

כ׳בין געפאנגען!... צווישן ווענט פון מיינע טורעמס
וואָס כ׳האָב אליין מיט אייפער אויסגעבויט, דערהויבן,
זיי ווי סימבאָלן געשטעלט דער געטליכקייט אנטקעגן,
בין איך זייער שוואכער היטער, מען זאָל זיי נישט בארויבן...

און דראגאן מאשינען, חיות שטומע ווי פארנאכט די בערג
א וואונק נאָר און רייסן אויף מיט אומגעצוימטן שרעק
אָט, זיי וועלן מיין מארך — זייער שעפער און באהערשער
פארשלינגען און צעקראכן, ביז ס׳נעמט צו זיי אין מיר א עק!...

ס׳וואכט אויף דאָס ווערק! דאָס קאלטע שטיין און שטאָל
און מיט צעקרימטן צאָרן פון לאנג פארשטומט וואולקאנען
פארוויסטיקט יעדן צוים פון היינטן און אמאָלן
או פארשווינדט צוריק, אויף טויזנט יאָר פון דאנען!...
און פארשווינדעט צוריק, אויף טויזנט יאָר פון דאנען!...

אין שטילער גאַס

ס'שטיל די גאַס, געזעטנער איינגעטונקט אין שווייגן
און איך, צווישן זיי, דער בייזער שטן פון געפילדער,
כ'קום אהער מיט צילֹלאָזע באַגערן
און איינגעפּרעסטע שטורמען וואָס ווערן ווילדער, ווילדער...

כ'קום די זון זאָל פּול, צערטלען מיינע לאָקן
וואָס דערנער האָבן מאוס און קרום. צופלאַכטן,
און אין איינגעטונקענע גרינסן מיין רויב כ'וועל פאַרבאַרגן
וואָס מ'האָט געטיילט מיך אויף די מערק און פּאָרטן...

כ'וועל די נשמה מיינע ,פאַראַסעט און צעפּיצלט
פון טומלדיקע קאַמפּן, אָן און מיט אַ זין
דאָ אויף בערגלאַך מיסט, דערהויבן איר געמיט
וואו ס'רוט אַ סטאַדע ציגן, וואו ס'נערט זיך טיף אַ שפּין!...

ס'איז שטיל די גאַס. און די פאַרקנס אירע פעסטונגען
פון חלומות בלויע אין אַ זומער שלאָף
און איך, דער גייסט פון אומרו און דערלויבטן רויב,
בינד מיך אָפּ פון נעכטן ווי פון שווערסטן שטראָף...

קינדער-לוסט

כ'האָב ווי א קינד ווילד פארשפּילט זיך
מיט זאמד זיך צו שיטן געגארט,
ביסטו, וואָרט-מיינס, אין וועג מיר געקומען
דו האָסט פון מיין לוסט זיך צעלאכט...

האָב איך זיך פארשעמט און פארוויטלט
פון די קליידער געטרייסלט דעם שטויב
די שטיינדלאך פון טאַש אויסגערייניקט
ווי ברעקלאך פון שרעקליכן רויב...

אויסגעפּרעסט, אויסגעגלעט מיך די קנייטשן,
געדאכט — ווער ערגעץ שפּאט,
און ווי געטריבן פון ברענענדע בייטשן
געפלויגן צוריק אין דער שטאָט.

נו, דאָרט האָט צעברויזט זיך מיין צאָרן
און רוף איך דיך, וואָרט, צום געפעכט
מעג אלץ זיין פארשפּילט און פארלאָרן
מיט בלוט וועל איך קויפן מיין רעכט.

דאָס גליק, ווי א קינד זיך צו שפּילן
אין זאמד און אויף בוים
ווי דעמאָלט, אמאָל, זיך צעברילן
— אזש שפּאלטן אויף צווייען דעם רוים!...

אָפּגאַנג...

(צייטן־שווערע)

כ'האָב א בונט מיט זיך אליין געשלאָסן
דעם קאמף, דעם בלוטיקן, שוין אָפּגעשטעלט,
איך האָב זיך אויסגעטאָן פון קייטן שווערע
און פריי צום לעבנס־דינסט געשטעלט!...

זאָלן אנדערע די ברייטן טרעטן!
זאָלן שטארקערע פון מיר באפעלן
כ'בין געבוינגן שוין פון לייטען קנעטן
צו בויען שוץ אויף פרעמדע שוועלן!...

ווּעל איך...
(סתם־אזוי)

אויף די לאָנקעס, אויף די וועגן
אין א ים פון גרינע זאנגען
וועל איך לויפן דאָרט און פרעגן:
— „איז ער דאָ פארבייגעגאנגען”?...

און... וועל לויפן ווייטער, ווייטער...
ביז פון מידקייט וועל איך פאלן
וועט נאָר קומען פלינק א רייטער
וועט דאן ליבסטער זיין פארפאלן!...

אויף די גראָזן ביי די וועגן
אין א בונט פון ווילדע בלומען
וועל איך ליגן, ווארטן, פרעגן:
— „וועט מיין ליבסטער אמאָל קומען”?

צוריקער...

בּאָרוועס, א אויסגעוואַשענער אין טויען פון פאַרטאָגן
אַ וועג־זאַק אויף די פּלייצעס און אין אים בעהאַלטן
דעם זכר פון א נאַכטמאָל און א נאָנטן פרישטיק
און א יום־טוב בגד מיט א צענדליק שפּאַלטן
טוט דער וועג, מיין טראָט, פאָראויס אן אָפּהאַלט יאָגן.

אונטער מיר די לאַסט — פון א וואַנדער לעבן
נעכט זיי אויסגעבעטעלט, אויף אַ פרעמד געלעגער
טעג — אין פּיס געשפּאַנטע, ווי דער פייל אין בויגן
מיט שטויב און זון אף מיר — אַ אומזיסטער טרעגער
טיף דורך טאָל געגידערט ביז די בערג דערהויבן.

צינדער אין מיר צאַפּלען פריידן פון צוריקער.
ס'איז די פרייד פון וואָלף וואָס געפינט דעם וואַלד
שפּרייז איך מיט א זינגען, אַזש דער וועג, ער שאַלט
ווימלען זיך די שטויבן, וואָלקנס קנוילן, דיקער
שאַדע, וואָס ס'קומען כמורנע רעגן טעג...

אָט איז שוין דער טייכל — דערפלס קלאָרער שפּיגל
און דעם שכנס מיידל וואַשט דאָרט אירע פּיס.
— „אַ גוט מאָרגן בריינע" — שריי איך און באַגריס
לויפט אוועק פאַרצאַפּלט — כאַפּט מיט זיך דאָס קריגל,
עפּעס דאָרט אַ שלעפער וואַרפט אויף איר א שרעק...

ווער איך פרייליך מונטער און צעפייף זיך לוסטיק
בייג מיך אן צום וואַסער, טרינק און וואַש מיך אָפּ.

לויפט פארביי א רייטער, יאָגט זיך זיין גאלאָפּ
און נאָך אים א בייזער שטרענג קודלאטער הונט
סוקט מיך אָן, אנטלויפט. ווייסיך דאָרט א וואגאבונד..

פירן מידע טריט אריין שווין אין דערפלס גאס
דאָ א קופּסע אינגעלאך שפּילן, מאכן שפּאַס.
כ׳גיב א שפּרונג צו זיי און אָט כ׳גלעט א קינד
ווערט א ווילד געלויף ווי פון א אומגליק, בלינד
א „לינזשערא!״ א „לינזשערא!״ און ווער ס׳קען פארשווינדט.

שפּאַן איך א אויסגעבאָדענער אין טויען פון פּארטאָגן
נעמט מיך אויף מיין דערפל מיט צעגרינטע סעדער
און מיין טראָט פארשטויבטער לאָזט זיך לייכטער טראָגן
— „האָב א גוטן אָנקום״ — ווינטשט מיר ליב איעדער,
לייכט מיט זיבן זונען פרייד מיין פון צוריקער...

נאַכט-ציטער

אַ שטייַן אין דער לופט פון אַ האַנט אַ געצילטער
צעקלימפּערט די רו פון דער נאַכט
געפּראַלן פון טירן, אַ פאַרהאַקטער געפילדער
און עמיץ שטייט רוהיק און טראַכט...

אַ זינגען זיך קאָלערט אַף שטאַרבענדע גאַסן
פון וואַכזאַמע טרוימער און שפּעטן בייַנאַכט
און דאָרט אויף אַ שוועל אין שאָטנדע פּאַסן
האָט עמיץ וואַנזיניק געלאַכט.

ווי מיסטיקע קוישן אַף שוועלן און טירן
צעלייגט אייך, איר בעטלער בייַנאַכט!
און וועט מען אייך וועקן — פון אָרט זיך נישט רירן!
נאָר קוקט צו די שטערן — אַ פּראַכט...

און מורמלען די גאַסן דורך רעדערשע שאַלן
גייט עמיץ ארום דורך דער נאַכט,
ביז וואַנעט פון ערגעץ —לופט־קושן ס׳פאַלן
אַ פּראַל אויף אַ פענצטער און פאַרמאַכט!...

רויטע קאַרשן...

רויטע קאַרשן אינם גאָרטן
זיסע ריחות שמעקן פיין
שוועבן סודות פרעמדע דאָרטן
אָטעם איך זי טיף אריין.
כ׳בין א פרעמדער שוואַרצער וועכטער...

שטעכט די זון און בריט מיין הויט
ווען זי רופט צו מיר און ווינקט
שיין געזאַנגען, אַך, זי זינגט
וויינט מיין ליבּ, פאַרטונקט אין קויט.
— האָ, איר רייצט מיר גערטנער־טערטער...

מונטערונג...

נעם דעם מאָרגן לייכט, א שפּיל
ווי אשפּראָציק פלאַנץ אין דיינעם שויס,
וואָס פורעמט אוים דעם גלויבן שטיל
מאַכט אים זאַנפט און מאַכט אים גרויס.

איז דיין נעכטן ענג און האַרט
פליס אים דורך מיט בלוטן פריש
אין דעם גליק וואָס עמיץ טראַכט
ברייננ אַראָפּ צו דיינעם טיש...

„טופּאַק-אַמאַרו"

ס'האָט געבליט זיך העל דער מאָרגן אָנקום
אויפגעפּראַלט דורך רויש פון ערגעצוואו
דאָ האָבן בערג מיט צויבער שטיל דערמאָנט
דאָס וואונדערלאַנד פּערו.

היינט א טאָג ווי שטענדיק געבוירן איז
און אינם סודות לאַנד פון אוצרות און פון גאָלד
וועט דאָס לעבן פון „קוזקאָס" גרעסטן ריז
ווערן באַלד צומאָלט...

דאָ וועט שטיין ער דער קאַציק העלד פון „טינטאַ"
דער לייב פון צויבערלאַנד פּערו
דאָ וועט ראַכע און דורשטיקייט צעפּערטלען
דעם שבט־מאַן „טופּאַק־אַמאַרו".

באַלד וועט די שווערד אין האַנט פון שפּאַניעס ריטער
א לעק טאָן די צונג אין אינקאַס מויל,
און קיינעם פון די אדעללייט וועט דורכלויפן קיין ציטער
קיינער וועט ניט פּלאַטערן אין גרויל...

איינגעשטומט וועט ווערן דער אינקאַ „אַמאַרו"
זיין לייבישע געברילֿ — אינדיאַנער'ס לעצט פּאַרמעג
און זיין רוף — „פאַר אונז דאָס לאַנד פּערו"
דערטרונקען שוין אין בלוט — און אין שוואַרצע טעג...

דאָ נישט פעלן וועט דער האר פון „ווירעינאַט"
דער אוצרות זאמלער פאר זיך און שפּאַניעם קרוין
צו זעטיקן דעם צאָרן. פאר „קוזקאָ" מאנס „פּאררעט"
און אים צוטיילן זיין לוין...

דאָ קומען וועלן זיכער אויך לימאַ'ס ערנהאפטע לייט
און זען צופרידענע דעם צעשטער פון זייער רו
מיט פערד געצויגן, איינס אין יעדער זייט
ווערט געריסן דעם שבט־מאַן „אמארו".

דאָ אויך וועט פלאטערן טארקוועמאדאס בייזע פאַן
דעם קרבן צוטיילן קלויסטער ברכות און גנאַד
און איבערן גוף צעווייטיקטן ווי שווארצע קראָען
פאָכן וועט — גלח'ישער קאַפּאָט...

דאָ וועט דער אור־מאַן מיט איינגן קראַפט ווי שטאָל
באַזיגן וואונדערליך דעם ווילדסטן שלעפּ פון פערד
און דאַן וועט אינקאַס קאָפּ פון אַקסל פליען
און יובלען וועט הידאַלגאָס קרומע שווערד...

דאָ ליגן וועט דער קאָפּ פון זעכציק טויזנט קריגער
וואָס וועלן זייער סוף אין מינען־גרוב פארשקלאפן
און דאָרט אין „ווירעינאַט" וועט יום־טוב'ן דער זיגער
און שיפן גאָלד וועט גיין צו יעדע שפּאַניעם האפן...

אָפּשטאַם...

פארביק און ווילד האָט דאָס לעבן
פארוויגט דיך — און ריטמיש געבויגן
ארויף און אראָפּ ווי די וועלן
אין וואונק און אין גלי פון די אויגן...

געזוכט האָט דיין אויג אינם באָדן
ווי ס'נישטערט דאָס אויג פונם יעגער
געזוכט! אָט די אַלע מיט אומרו בעלאָדן
פון בויגזאמער אַלטקייט — די טרעגער!...

די בענקשאפט פון נעכט און פון טעג
וואָס גייען פארביי ווי א פרעגענדער צייכן
געטריבן פון ברעגן צו ברעג
דורך באגערן צו ווייטקייט, צו הייכן!...

די אויגן: זיי זוכן, זיי פרעגן:
— וואו וועט דער ענד זיין פון טריט?
— ארוים פון דער ענגשאפט, אף פרייערע וועגן
דאָרט וואו דער „גאַווטשאָ" ער רוט!...

ווייל ענג איז דיין שנור מיט די זין
וואָס אין שוים פון דער פּאמפּא זיי נעסטן
און פריי ווי די סטאַדע וואָס וואנדערט אין סטעפּ
ס'רייסט זיך דיין בליק, דיינע זשעסטן...

װען פּוסט אַרום איז, אַזױ שטרענג, אַזױ גרױ,
װען קײנער עס ענטפערט דעם רוף פון דײַן בלוט.
ס'פאַלט דאַן אַ טרער אינם װינקל — װי טױ
און װידער טױכט אױף דײַן רײץ און דײַן מוט!..

אַלץ װערט פאַרגעסן און װידער בליצט אױף
דײַן גלעטנדער בליק, דײַן פרישקײט פון גראָזן,
און מיט קלעמענדע פױסטן — צעװאָרפסטו דײַן רוף
װאָס קלינגט אין דער װיסטע פאַרלאָזן!...

פארטרעטן

1

דער קוואַלן-זוכער...

כ'האָב אים געטראָפן אין שטאָט.

ביי א טישל אין קאפע זיינען מיר געזעסן, ווען ר'האָט זיך באוויזן. זיין גאנצע קערפּערליכע נישטיקייט האָט ווי מיט מאגישע שפּרוכן זיך איבער אַלץ דערהויבן און געמאכט זיך א וועג. כ'האָב אויפגעציטערט. א פרעמדער מיט אזא היימיש פּנים!

— דאָס איז זיכער א וועטעראַן פון א אידישער קאָלאָניע, א יורד...

— ווייסיך, סתם צו טרעפן...

אָט איז ער שוין ביי אונזער טיש, זיין לאנגער אויבעראָק אויסגע־ריבן און פארגרינט פון אַלטקייט דעקט איינגאנצן איין דעם מאגערן גוף. בלויז זיין ברענענדיקער בליק רייסט אויף די קנייטשענדיקע אַלטקייט פון זיין פּנים.

א וואונדערבארער פּנים!... וואסאַרא הארציקייט דריקט אוים זיין בליק! ר'פארקויפט בליי פעדערס.

— ווי קומט איר צו דעם? שוין לאנג ווי איר גייט אזוי ארום?

ר'האָט געשוויגן, אָנגעקוקט מיך מיט עטוואָס אומצוטרויליכע אויגן, אָבער באַלד האָט א ווארימע כוואליע זיך צעגאָסן איבער זיין געדיכט באַוואקסן פּנים. די טיפע אויגן-לעכער — אנענדליכע תהומען פון צער, האָבן אויסגעזאָגט פארבאָרגענישן...

— „איך דערקען אין אייך א נאָנטן, א פריינט" — האָט ער שטיי־ענדיק אין א אומזיכערער פּאָזע, געוואָרקעט מיט א הונגעריק פארדעמפּט קול — „זעט, דאָ ליגט דער שליסל צו מיין אמאָליקן לעבן"...

ר'האָט אראָפּגעצויגן דאָס צעקנייטשטע היטל. א שווידער האָט אונז אַלעמען דורכגענומען. א עקל און פארווירונג האָט געפלאַנטערט די קעל: זיין קאָפּ האָט געגלאַנצט מיט א רונדן פּליך. קיין ברעקל האָר און אינמיטן האָ, גרויל! א גרויסע טיפע לאָך, שוין כמעט אָ פארהיילטע און די רויטע הייטעלאך זיינען געווען דורכגעוועבט מיט א לייכטן שפּינוועבס, ווי שימל...

ר'איז געשטאַנען געבויגן, אומזיכער און קאַלט געשמייכלט. און דאַן האָט ער אָנגעהויבן זיין געשיכטע:

„אינגאַנצן בין איך אַלט אַצינד אכט און דרייסיק יאָר, אָבער ווי איר זעט : א זקן... צוואַנציק יאָר טרעט איך שוין דאָס לאַנד. פון ערשטן טאָג אָן אוועק אין קאָלאָניע, אָנגעזאַמלט דורך שווערע מי היבשע באַלעבאַ־טישקייט און געקענט ביז היינט לעבן אין זאטער רוהיקייט ווען...

— ווען ניט?...

— א משוגעת, א רגילת...

— דערציילט!...

„הערט. די באהעפטונג מיט דער ערד־ארבעט האָט תמיד אין מיר אויפגעוועקט פאַרדרימלטע געפילן, תמיד איז מיין טעגליכע ארבעט געווען אימפּולסיוו און מיט התמדה. א קוואַל פון זעלבסט־צופרידענקייט. כ'האָב שטענדיק געזוכט נייע זייטן פון דעם קאַמף־לעבן. שטענדיק געזוכט נייע אינהאַלטן...

„איינע פון מיינע ברענענדסטע פארלאַנגען איז געווען אָפּגעבן זיך מיט האַקן ברוינעם'ס און נישט אזוי דאָס האַקן ווי דאָס זוכן און געפינען דעם וואַסער קוואַל... ס'האָט מיר צוגעצויגן דער מין באַשעפטיקונג, וואָס פארמאָגט ווירקליך רייץ. ס'איז דאָך וואונדערבאַר! קלייבסט זיך אויס א אָרט פון אָט דער גרויסער ברייטער מאַמע ערד — עפנסט איר סודות'־פולן בויך, דרינגסט אריין טאָג נאָך טאָג טיפער און איר, טראַכט און טוסט זיך אינגאַנצן ארויס פון דער אויבן־ערדישער וועלט און וואָס טי־פער דו נידערסט אראָפּ, אַלץ מער הימלישער ווערסטו און אפילו די שטערן קענסטו זען אין מיטן טאָג...

כ'האָב געטריבן פון דער לוסט צו אַט דער ארבעט, אָנגעהויבן פאַר־לאָזן די גאַנצע באַלעבאַטישקייט, נישט בעאַרבעט דאָס פעלד און שפּעטער אַלץ אויספאַרקויפט ווערנדיק לסוף אַ ברונים־העקער, אַ פרייער ארבעטער. כ'האָב געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט און אומעטום וואו נאָר מ'האָט באַ־דאַרפט בין איך מיט פרייד ווי אַ כהן־גדול געגאַנגען צו מײַן געגאַרטער דינסט.

און מיטן גאַנצן ערנסט פון אַ כהן־גדול האָב איך די דאָזיקע ארבעט געטאָן. ס'איז מיר נישט שווער געווען די אויסשעפּנדע גרויזאַמע אָנשטרענ־גונג, ס'איז פאַר מײַנע מוסקולן נישט האַרט געווען דער שוואַרצסטער אומ־ברעכבאַרער שטיין. פאַרקערט, וואָס עקשנות'דיקער דער שטיין האָט אָפּ־געשלאָגן מײַנע מעכטיקע קירקע קלעפּ, אַלץ מער האָט זיך אין מיר צע־פלאַקערט דער באַגער אים אויפצורייסן, אים צעמאָלן, אַלץ אין מיר האָט אינטריגירט זיגן איבער אים...

„דאָס אליין איז אָבער גאָרנישט אקעגן די דערהויבנסטע ווינציקע מאָמענטן ווען דו ענדעקסט ענדליך די וואַסער־קוואַלן. טעג נאָך טעג שטייסטו, פאַרצווימט אין ווענט פון טרוקענעם שטיין, פייער שפּריצט ווען קירקע און קיזל־שטיין באַגעגענען זיך און אַט, ווען דו גרייכסט אין ווייטער טיפעניש, הויבט דײַן האַרץ אָן האַסטיקער צו קלאַפּן. אַט ווערט דײַן אַר־בעט דערפירט צום ציל, נאָך אַ שטיין, נאָך אַ מעכטיקן שטויס און באַלד וועט פון דער טרוקענער האַרטער וואַנט אַ פּלים טאָן: וואַסער! און ווי דער כהן־גדול, ווען ענגם קרבן גאָט האָט אויפגענומען פילסטו זיך איבער־גענומען מיט שטורמישער פרייד, וואַרפסט אַלץ אַוועק און אַ ברכה רייסט זיך פון דײַנע ליפּן. דו האָסט אַ נײַעם פרישן קוואַל ענדעקט! אליין ענדעקט! און ווער ס'ווייסט דעם שווערן וועג פון אַזאַ מין זוכן, נאָר דער קען מיט־זינגען די פרייד פון געפינען...

„די דאָזיקע אויסערגעוויינליכע לײַדנשאַפט האָט מיך מער און מער געפאַנגען און כ'בין געוואָרן דער געטרייער אויספירער פון מײַנע אינער־ליכע זוכונגען... די ארבעט איז געווען שווער בייטאָג, כ'האָב אָפּגעריסן זיך פון מענטשליכער געזעלשאַפט און ביינאַכט, ווען כ'בין אַ טויט־מידער אַוועקגעפאַלן איז מײַן שלאָף געווען איין גרויסע קאַראַוואַנע פון אויס־טערלישע חלומות, אויסגעטראָגענע פון טעגליכע פאַרלאַנגען: טעמפּע

קירקע־קלעפּ אויף מיין קישן... טויזנטער קוואלן פּליסן פאַרביי מיין געלע־גער און איך צעבויער דעם גאַנצן ערד־קוגל, זוכנדיק און זוכנדיק...

„כוואָלט אפשר מיין גאַנץ לעבן אַזוי אויסגעפּילט אין דער דאָזיקער באַגייסטערנדיקער שאַפונג פּסיכאָז, ווען ס'רוקט זיך נישט אָן א צופאַל:

געאַרבעט האָב איך צוזאַמען מיט א שותף, געווים וואָלט איך אַליין זיך בעסער געפילט, מוז אָבער עמיצער אַרויפציען די אונטערגעהאַקטע שטיינער און אַנדערע קליינע אַרבעטן צוהעלפן. דער דאָזיקער איז געווען א כמורנער טרוקענער אַלטער איד, א אומגעדולדיקער און א טויט־שוואַכער. תמיד געוואָרטשעט און מיר פאַרביטערט פּשוט די טייערע מינוטן אין דער טיף פונם ברונים. איך האָב אים אָבער געהאַלטן אויס רחמנות און אין איינעם א טאָג, ווען כ'האָב מיך געפונען פינף און צוואַנציק מעטער טיף, ערוואַרטנדיק דעם אָנקום פון א קוואַל, האָט זיך ביים אַרויפציען א גרויסן שטיין, איבערגעהאַקט דער שטריק און די גרויסע מאַסע, ווי באַ־הערשט פון ווילדער נקמה, איז געפלויגן צוריק צו זיין פּלאַץ און אויף'ן וועג מיך אָנגעטראָפן”...

ר'האָט צוגעמאַכט די אויגן. פון זיין שטערן האָבן טראָפּנס אַנגסטן אַרויסגעשפּראָצט. ס'איז קלאָר, ר'ציטערט דורך אין זכרון דעם פאַרגאַנגע־נעם קאָשמאַר...

„און יעצט בין איך דאָ, דריי יאָר וואַלגער איך מיר אַרום. קיין שווע־רע אַרבעט טאָר איך נישט טאָן, פון מיין אַמאָליקער באַשעפטיקונג איז אָפּגערעדט. ציטנווייז אפילו צעברענט זיך אין מיר א אויפגעוואַכטער פעסטער פאַרלאַנג אָנצוהויבן פון דאָס ניי, אָבער דאָס זיינען נאָר פונקען וואָס וועלן שוין קיינמאָל נישט בכח זיין אָ פייער אויפצובלאָזן... צופרידן בין איך יאָ ווען כ'טרעף א אָפן האַריץ, וואָס זאָל מיך צוהערן. דאַן דער־ציילענדיק טראָגט איך מיר צוריק אוועק צו יענע דערהויבענע צייטן און ס'דאַכט זיך מיר, אַז ווידער שטיי איך פאַר קוואַלן, וואָס וואַרטן מיין קיר־קע זאָל אוועקוואַלגערן דעם שטיין און זיי לאָזן פּליסן פריי... ווייניק אָבער פאַרמאָגן געדולד מיך אויסצוהערן. שווייג איך דאַן רעדט שטומערהייד מיין אָפענע וואונד אַפן קאָפּ, אָבער די שפּראַך פאַרשטייט מען נאָך ווינ־ציקער”...

ר'האָט א כאַפּ געטאָן דאָס קעסטעלע בליי־פעדערס און נישט פאַר־ליינענדיק אפילו, מיט דריבנע טריט פאַרלאָזט דעם רווישנדן קאַפע־הויז...

II

ר׳ בנימין

קיינער האָט שוין כמעט נישט געדענקט דעם טאָג פון זיין אָנקומען. קיינער האָט אויך נישט געוואוסט פון וואנען.

אין א טאָג, פּסח צייט, ווען ס׳זענען געשטאנען צייטיק די מאיס פעלדער האָט ער זיך באוויזן, געשטעלט זיך ארבעטן און פון דאן נישט פארלאָזן די קאָלאָניע. ר׳איז געוואָרן דער אייביקער גאסט דאָ.

און נישט געקוקט, וואָס ר׳געפינט זיך דאָ א היבשע פּאָר יאָר איז ער אומעטום אָנגעלייגט. אין אלע שטובן ווערט ער אויפגענומען שטענדיק מיט א פרישן ברוך־הבא, אומעטום איז ער גערן.

איינגעקויפט זיך אין ליבע ביי אלעמען פון ערשטן טאָג און דעם צוטרוי נישט אָנגעוואוירן אין די אויגן פון די קאָלאָניסטן.

א ארבעטזאמער איז זיין שטיקל ברויט געקנאָטן מיטן שוויים פון זיין שטערן, קיינמאָל קיין געלט נישט גענומען, געגאנגען פון הויז צו הויז און נישט פרעגנדיק אפילו זיך געשטעלט אומעטום ארבעטן.

באלעבאָסטעס פלעגן ביי אויפשטיין אין פריסטן פרימאָרגן טרעפן שוין אָנגעהאקט קופּעס האָלץ און די קאָלאָניסטן האָבן נישט איינמאָל זיך איינגעשפּאָרט די ארבעטן פון אָנטרינקען און פּאשען די בהמות, ר׳ בנימין האָט מיט פליים די ארבעט פארזאָרגט.

און ווייל ר׳האָט פאר זיין ארבעט קיין שכר נישט גענומען האָט מע: עם אים אקעגן געטראָגן. דאָ געקויפט א ווארים בגד, דאָ א פּאָר שטיוול, דאָ א פּעקל טאבאק און דער עיקר געבראכט אים פעק צייטונגען און ביי־כער, נאָך וועלכעם ר׳האָט געהונגערט מער ווי צום עסן.

און ווייל ר'האָט נישט געבעטן קיין דאָך איבערן קאָפּ, געשלאָפן אין פינצטערע גאַלעריעס האָט מען אים אויסגעפוצט א ליידיק צימער ביי דער אידישער שולע...

דורך די לאַנגע ווינטער נעכט, ווען דער ווינט גיסט אויס זיין צער פאַר יעדנס פענצטער, ווען די נאַכט ווייגט דורך קאַלטע רעגן־טראָפּנס אויף די שויבן, זיצט מען צונויפגעזאַמלט ביי איינעם אָדער צווייטן. די אומגייענדע הייסע מאַטע שאַפט געמיטלעכקייט און צווישן אַלעמען זיצט ער, ר' בנימין, א אויפגעלייגטער פון דער אַרומיקער וואַרימקייט און דער־ציילט.

ר'איז א לעבעדיקער קוואַל פון מעשיות און איינדרוקן. זיין וואָרט רייט באַפליגלט דורך כשוף. יעדע געשיכטע באַקומט דורך זיין וואָרט אַדלער פליגל, תמיד ניי. דורך זיין פאַרבריינגען דאָ האָט ער שוין בערג דורכגע־וואָרפן און דער מעשיות קוואַל ווערט אים נישט אויסגעשעפּט. ס'דוכט זיך: שלעסער און פּאַלאַצן פאַרמאָגט ער ערגעץ אָנגעפּולט מיט וואונדער מעשיות.

אמליבסטן האָט ער צו דערציילן נסים פון גוטע אידן, פון רביים און צדיקים. דעמאָלט טראָגט ער אַלעמען אוועק, אזוי זיצענדיק אַרום אים מיט צעעפנטע מיילער, אין יענע גאַנץ־געמיטליכע צייטן פון אידישן שטעטל, וואָס אירע געשלאָגענע און געפּלאָגטע תושבים, געזונקענע אין אַרמוט האָבן זייערע אויסגעמאַגערטע הענט און הילפלאָזע בליקן געווענ־דעט צום רבי'ן, און געמאָנט נסים...

ווען ר'בנימין האָט עפּעס דערציילט איז ער ממש פאַרליבט געווען אין זיין אייגן וואָרט און אין די העלדן, וואָס ר'האָט געשילדערט. איינגע־פלאָכטן אין זיין אַלטן מאַנטל, די וואַרימע היטל אָנגערוקט איבער די אויגן, מיט א רעזיגנירענדער רוהיקייט. איבער זיין פאַרהאַרטעוועט גע־זיכט האָט ער זיין בליק געלאָזט היינגען אינם חלל פון נידעריקן צימער, דערציילט און דערציילט. יונג און אַלט האָבן אַלע שמועסן אוועקגערוקט אין א זייט, שטיל איז די מאַטע אומגעגאַנגען פון מויל צו מויל און קינדע־רישע אויגן אויפגעריסענע פון שלאָף האָבן אין ציטער געבליקט צו אים און ס'האָט זיך זיי געדאַכט: אָט וועט עמיצער אָנקלאַפּן אין טיר און א פאַרשנייטער וואַנדערענדיקער למד־וואָווניק וועט איבערטרעטן די שוועל...

ר'האָט אויך געוואוסט צו דערציילן וואונדער זאכן פון גאוטש־לעבן. יאָרן האָט ער פארבראכט אין זייער סביבה און איינגעזאפט זייער לעבנס־שטייגער. אין די געדיכטענישן פון אוקאלער פּאמפּאַ וועלדער האָט ער אייניקע יאָר געארבעט אלס העקער.. איבערגענומען די האלב ווילדע גאוטשאַ זיטן און מיט דעם געוואנען זייער צוטרוי.

נישט איינמאָל איבערגעקומען לעבנס געפאַרן און תמיד האָט דער אינסטינקט צו לערנען פרעמדע פירונגען און אויפצונעמען לעגענדעס איבּ געשטויסן צו אָט די געפאַרן. ווי א געקאָרטשעטע קאַץ פלעג ער אדורכ־שמוגלען זיך אין זייערע קרייזן און אויפגעכאַפּט די אנציִענדע זייטן פון זייער לעבן און פארגאנגענהייט. ר'האָט אָנגעזאמלט בערג מיט מעשיות און אווענטורעס, געצווינגענע אויף דער גאָלדענער שנור ביז די גלאַרייכע צייטן פון די אינדיאנער מלחמות מיט די שפּאנישע אריינדרינגער. געגוי ווי ר'פלעג איבערגעבן די רביי'שע מעשיות מיט ערנפורכט פון א גלויביקן חסיד און מיט הייליקער פארערונג האָבן זיינע גאוטש געשיכטעס גע־טראָגן זייער אריגינעלן כאראקטער שטעמפּל. דער אופן פון דערציילן, די גוזמא'דיקע ארייַנפלעכטונג פון אייגענעם איך, ארום וועלכן ס'דרייט זיך די גאנצע אווענטורע איז געווען דורכגעוועבט מיט טעמפּעראמענט, וואָס שטייגט תמיד פון איין כוסה צו דער צווייטער...

ביז אין די פארטאָג שעהן פארציט זיך עס. און ווערט ער מיד, הויבן אָן אנדערע אָנגערעגטע דורך זיין וואָרט, גראבלען אין דעם פון זייערע זכרונות, ציענדיק וויטער די קייט פון מאָלנדע בילדער.

ר'קען אינספּירירן, ר' בנימין.

ר' בנימין, אזוי האָט מען אים גערופן. אין דעם לאנד לעבט ער שוין גאָר לאנג. האָט ער פאמיליע? א פרוי, קינדער ערגעצוואו? קיינער האָט נישט געוואוסט און ער אליין האָט וועגן דעם נישט גערעדט. א פריידענקער, א פשוטער איד, איז ער אפילו צו די שבת'דיקע מנינים נישט געגאנגען. ס'פלעג אָבער פאסירן דאָס אין א פארטאָג, ווען ס'האָט נאָך נישט געשאַ־ריעט זאָל ער אויפשטיין, אנגורטן די תפילין, מיטן טלית זיך איבערדעקן (וואָס ר'האָט אין א באזונדערע זעקעלע אָפּגעהיט) און שעהן לאנג אפּשטיין מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן וואנט און מורמלען שטיל, שטיל, טרערן הייסע האָבן זיך געגאָסן פון זיינע מורא־ שחורה'דיקע אויגן איבער די פארהארטע־

וועטע באַקן און זיך פאַרלירן אין דער גלעבליכער בערדל. ווי איבערגע־גאַנגענע קוואַלן האָבן די אויגן אויסגעשעפּיגן דעם צער פון יאָרן און אַראָפּגעוואַלגערט דורך די זאַלץ־טראָפּנס דעם עלנד פאַראומערט לעבן, וואָס ר'האָט זייט יאָרצענדליקער געפירט...

אָבער דאָס פלעג געשען אַמאָל, זעהר זעלטן...

די קאַלאָניע האָט אים אָפּגעהיט ווי א געצערטעלט קינד, אין די שבתים האָט אים יעדער צו זיך גערופן און אויך דורך די סתם אָוונטן איז ער תמיד געווען דער אריינברענגער פון דערהויבנקייט דאָרט וואו דאגות און צרות האָבן געדריקט. מ'האָט זיך צו אים צוגעבונדן ווי צו א אייגענעם. ר'איז געוואָרן דער בירגער פון אַלעמען. ער, ר'וועט שוין פון דאַנען קיינמאָל נישט אוועק.

אָבער אין א טאָג, אין סאַמע ברען פון אַלפּאַלפּאַ שניט איז ער צו דער ארבעט נישט געקומען. פאַרנאַכט ווען א גרופּע בחורים האָבן זיך גע־לאָזט צו זיין וואוינונג אים אויפצוזוכן האָבן זיי געפונען די טיר פאַרשלאָסן. מיט גרויס אָנשטריינגונג האָט מען זי אויפגעריסן. דאָס צימער איז געווען אין אומאָרדענונג און צוואָרפן זיינע זאַכן פאַרשוואונדן און אויך — ער.

אויפן טישל איז געלעגן א קליין בריוול באַשאָטן מיט דריבנע אותיות פון א פּרוי:

„נאָך לאַנגע זוכונגען דערוויס איך זיך וואו דו ביסט, האָב רחמנות בנימין, דו ביסט שוין גענוג אָפּגעקומען פאַר דיין זינד. גאָט האָט אונז שרעקליך געשטראָפט, אונזערע צוויי זון זיינען שוין פון דער וועלט גע־גאַנגען... די טעכטערל אונזערס בליט ווי א רויז און איך אליין — אַלט און צעבראָכן. די זינדיקע גויע וואוינט שוין נישט אין שטאָט. איך באַ־שולדיק דיך נישט... קום צוריק, זאָל כאָטש זיין אויף דער עלטער"...

לאַנג נאָך האָט די קאָלאָניע געערדט וועגן זיין פּלוצלינגן פאַרשווינדן. נאָך לייינגער האָט מען געבייינקט נאָך אים. און אין די לאַנגע ווינטער־נעכט ווען ר'בנימין אליין איז געווען ווייט פון דאַנעט האָט מען דערציילט און איבערדערציילט זיינע וואונדער מעשיות.

Este libro se acabó de imprimir el 4 de Junio de 1936 en los Talleres Gráficos de Julio Kaufman calle Junín 344, Buenos Aires.